M
1852
.K4
MUSIC

Presented to the
LIBRARIES *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
by
ROSE KIRSH

Digitized by the Internet Archive
in 2026 with funding from
University of Toronto

https://archive.org/details/31761107654543

קאַרוסעל

(פּראָלאָג)



ציגעלע מיגעלע



אוונס און צוויי



שניי, שניי, ווייסער שניי

(נים געאײַלט)



אַ שפּאַציר־ליד

(מיטלש טעמפּאָ)



אוי העלפט מיר קינדער אונטער



שפילן מיר אין קוילן שניי



שבועות

(מוטל-טעמפּאָ)



ערשטער מאַי



דער ליבער פסח

(מיט פרייד)



א שיינע מעשה

(שפּילעוודיק)



סכות

(מיטל־טעמפא)



חנוכה

(פריילעך)



ברויט מיט פוטער

(מונטער)



די מאַמע רופט

(לאַנגזאַם, זאַרט)



סטאָליער



בערג

(שפילוורג)



בערקעס

(מונטעג)



ביג - בוק




דריידל
(מיטל טעמפּאָ)
אין פעלדער
קומט קינדער
(מיטלטעמפּאָ)

אין אַ קליינעם שטיבעלע (שפילדרוויק)



די טענער וועלן לעבן נאָכן אינהאַלט פון די ווערטער

שרה'לע איז וואלד אוועק (מוטל-טעמפער)



מארש דוס פויגעל (מונטער)




מע דרימעלט, מע
א קליינס מיידעלע
(מונטער)



מוזיקאנטן

(פּרווזעק, נוט ליב)



צו דיין לעבנסטטיל

(מארש טעמפּו)



ארבעט

(שפּילעוודיק)



ווינטער

(שנעל)



דרײַ ציק

(מעסיק)



אויס קאנוריק

(נוט דו זוק)



קומט ארויס

(פּרוזעק)



וואלט איך געוואוסט

(מיטל טעמפאו)



קוזי-קעצל

(נוט צוק)



דאָס ווייסע הענדעלע

(מיט פרווז)



אַלע פֿיר

(פֿריילעך)



טויבעלע

(בעטנדיק)



פון דער פינפטער גרופע: „ברויט מיט פוטער", „די מאמע רופט" מוזיק מיכל געלבארט;

פון דער זעקסטער גרופע: „סכות", „חנוכה", „דער ליבער פסח", „א שיינע מעשה", „שבועות" פאלקס-מעלאדיעס, „ערשטער מאי" מוזיק מיכל געלבארט;

פון דער זיבעטער גרופע: „אוי, העלפט מיר קינדער אונטער" מוזיק מ.ווארשאווסקי, „שפילן מיר אין קוילן שניי" און „שניי, שניי ווייסער שניי" מוזיק מיכל געלבארט, „דאס טייבעלע ווארקעט" פאלקס-מעלאדיע;

פון דער אכטער גרופע: „א פאציר ליד" פאלקס-מעלאדיע, „ציגעלע מיגעלע קאטינקע", מוזיק יעקב גלאטשטיין, „איינס און צוויי" מוזיק זאס-לאווסקי, „קארוסעלן", מוזיק בען יאמען;

פון דער ניינטער גרופע: „בערל", מוזיק יעקב גלאטשטיין.

:-:-:-:-:-:-:-:

חוץ דעם קענען מיר אנווייזן וואו צו געפינען נאך עטלעכע ניגונים:

פון דער ערשטער גרופע: „א מארש" (פון י.קאצענעלסאן) מוזיק פון ישראל גלאטשטיין אין „לאמיר זינגען" נומער 89; „האפ, האפ, האפ" (פון מ.רייזעסמאן) מוזיק פון ישראל גלאטשטיין, אין „געזאנג און שפיל"; „שטייט אין פעלד א ביימעלע" (פון י.ל.פרץ) מוזיק פון מיכל געלבארט, אין „לאמיר קינדער זינגען";

פון דער צווייטער גרופע: „רבי, עס איז נישטא קיין בייגל", א פאלקס-ליד, נאטן אין צווייטן באנד פון י.ל.כהנס „ידישע פאלקס-לידער"; „קלעזמער" (פון א.שטיינבארג) די נאטן אין „זינגען קינדער" נומער 19; „די נייע פידל" אין וואלאוויטשעס זאמלונג קינדערלידער; „די באן" מוזיק אין „זינגען קינדער" נומער 10;

פון דער דריטער גרופע: „אויף דער הוידע" (פון מ.שיפרים) מוזיק פון מיכל געלבארט אין „לאמיר, קינדער, זינגען";

פון דער פערטער גרופע: „בעל-מלאכות" (פון י.קאצענעלסאן) מוזיק פון ישראל גלאטשטיין אין „לאמיר זינגען", נומער. 103;

פון דער זיבעטער גרופע: „דער ווינטער איז געקומען" (פון ד.טשארני) מוזיק פון י.ענגעל אין דער זאמלונג „50 קינדערלידער";

פון דער אכטער גרופע: „איך בין א ידיש ינגעלע", אין וואלאוויטשעס זאמלונג קינדערלידער; „דריי ינגעלעך" (פון י.גויכבערג) מוזיק פון מ.געלבארט אין „לאמיר קינדער זינגען";

פון דער ניינטער גרופע: „אין וואלד" (פון נחום יוד) מוזיק פון מיכל געלבארט אין „לאמיר, קינדער, זינגען".

גייט די גרינע קאטשקע
גייט ארום און קייט:
וואלט זי בראקן לאקשן
האט זי נישט קיין צייט.

קאטשקע גרינע,
ברייטע נאז,
און מען ווייסט נישט
וואס איז דאס.

דרייט זיך, דרייט זיך קאטשקע,
דרייט זיך אן א זין:
וואלט זי גיין שפאצירן —
ווייסט זי נישט וואוהין.

קאטשקע גרינע,
ברייטע נאז,
און מען ווייסט נישט
וואס איז דאס.

בערל

בערל איז א וואוילער יינגל,
נאר ער קען נישט ציילן.
אזא נארישער יינגל איז ער,
ס'איז א שאנדע צו דערציילן.

וויפל איז דריי און פינף?
גלאצט ער מיט די אויגן.
בערל, בערל — ברומט דער טאטע,
ווערסט צו גארנישט טויגן.

נעמט ארויס נאר זעקס פון פערצן,
וויפל איז געבליבן?
קראצט זיך בערל אויפן שטערן.
און ער ענטפערט — זיבן.

ביזערט זיך אויף אים דער טאטע:
— בערעלע, בערעלע!
דריקט די מאמע אים צום הארצן:
בערעלע, מיין גדולה!

(ז.ווײנפּער)

וועגן די ניגונים צו די ווערטער פון די לידער

צו דער זאמלונג זיינען בייגעלייגט די נאטן פון די ווייטערדיקע לידער:

פון דער ערשטער גרופע: „אלע פיר" מוזיק מיכל געלבארט, „שאבל־טייבעלע" מוזיק מיכל געלבארט „קעצל", מוזיק מיכל געלבארט „דאס ווייסע הענדעלע", מוזיק מיכל געלבארט, „וואלט איך געווען א פידלער", פאלקס־מעלאדיע;

פון דער צווייטער גרופע: „אויס קאנאריק" א פאלקס־מעלאדיע, „קומט ארויס", א פאלקס־מעלאדיע „דריי זיך דו מילבעלע", מוזיק א.גאלדפאדן, „מאכט דאס פאסטעכל" א פאלקס־מעלאדיע „גערטעלע מיט ביימעלע" מוזיק מיכל געלבארט „שרהלע איז אין וואלד אוועק", א פאלקס־מעלאדיע, „א קליין מיידעלע קלאפט אין טיר", א פאלקס־מעלאדיע „ארבעט" מוזיק מיכל געלבארט „ווינטער" מוזיק פאלאנסקי „מוזיקאנטן" מוזיק מיכל געלבארט „צו דיין געבורטס־טאג" מוזיק א.גאלדפאדן „מע לעמעלע, מע", א פאלקס־מעלאדיע, „אין א קליינעם שטיבעלע", מוזיק מיכל געלבארט;

פון דער דריטער גרופע: „דריידל" מוזיק מיכל געלבארט, „אין פילקע" מוזיק פאלאנסקי, „קומט קינדער", מוזיק באיארסקי, „בערל", מוזיק פאזנער;

פון דער פערטער גרופע: „בעקער", „זיג־זאג", „דער סטאליער", מוזיק מיכל געלבארט, „דער שלייפער", מוזיק באיארסקי;

די באָבע

די באָבע ווערט היינט זעכציק יאָר.
אין גאַנצן זעכציק? דאָס איז גאָר?
א באָבע דאַרף זיין אַלט, איך קלער —
הונדערט צוואַנציק און נאָך מער!

א באָבע דאַרף זיין זייער גרוי,
און איינגעהויקערט — אָט אַזוי!
און קענען דאַרף זי אָן א שיעור
מעשהלעך דערציילן מיר.

און לידלעך דאַרף זי קענען פיל,
און זינגען דאַרף זי זיס און שטיל,
און וויגן דאַרף זי מיך אין שויס
ביז כ'וועל ווערן אַזוי גרויס.

די באָבע ווערט היינט זעכציק יאָר,
אין גאַנצן זעכציק? דאָס איז גאָר?
א באָבע דאַרף זיין אַלט, איך קלער,
הונדערט צוואַנציק און נאָך מער.

(ה.רויזנבלאט)

דער זיידע

וואָס איז זיידע אַזוי גרוי?
ווייל א זיידע איז אַזוי!
זיידע גייט זיך טריט ביי טריט, —
ווייל א זיידע איילט זיך ניט.

זיידע טוט די ברילן אָן,
ווייל א זיידע דאַרף עס טאָן.
זיידע לערנט תורה פיל
ווייל א זיידע קען און וויל!

זיידע רייכערט ניט קיין חך,
ווייל דאָס הארץ איז ביי איהם שוואַך.
שמעקט ער טאַבעק נאָר און ניסט.
האַפטשי! האַפטשי! שיסט און שיסט.

(נעמט זיך זיידע שמעקן פיל,
ווייס איך שוין וואָס זיידע וויל!
און ווי ער צעניסט זיך נאָר,
שריי איך אויס: „צו לאַנגע יאָר!"

ווינטש איך זיידן געזונט א סך
זיידע, נעבעך, פילט זיך שוואַך.
און פאַר זיידנס יעדן ניס
שענקט איהם גאָט — א יאָר געוויס!)

(ה.רויזנבלאט)

באַרימעריי

דו האָסט ניט קיין גרויסע שוועסטער,
אָבער איך האָב יאָ!
ווען זי קומען באַלד צו פאָרן,
ווען זי בלייבן מיט אונדז דאָ!

און זי ווען פון דאָרטן ברענגען
קליידעלעך פאַר מיר,
דו וועסט ניט גיין מיט מיין שוועסטער,
אָבער איך וועל גיין מיט איר!

ווען זי מיך אין מוזיים
נעמען אַלע מאָל,
ווען א שליטעלע מיר קויפן,
וועל איך גליטשן זיך אין טאָל.

ווייסט, זיי ווען מיך לערנען שרייבן,
ביכער שרייבט זי אָן.
און אַז איך וועל זיין א גרויסע,
וועל איך פונקט ווי זי אַלץ טאָן.

(לאה קאַפּילאָוויטש־האָפמאַן)

א ציג און א רויז

צווישן ווילדע דערנער
וואַקסט א שיינע רויז,
קומט א ציג מיט הערנער,
הערנער — אַזוי גרויס.

הער נאָר אויס א מעשה
א מעשה הער נאָר אויס,
די ציג איז א ווייסע,
א רויטע — די רויז.

רויטעדי, רויטעדי,
רויטעדי — רויז.
די ציג איז א ווייסע,
א רויטע די רויז.

(אלף בץ)

די גרינע קאַטשקע

גייט א גרינע קאַטשקע
מיט א ברייטער נאָז:
וואָלט זי שמעקן טאַבעק
האָט זי ניט מיט וואָס.

קאַטשקע גרינע,
ברייטע נאָז,
און מען ווייס ניט
וואָס איז דאָס.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

אין וואַלד

שטייט אין וואַלד אַ שטיבעלע,
פֿאַרשלאָגן מיט אַ בייגעלע.
דאָרטן ליגט אַ ציגעלע
און דרימלט אויף איין אייגעלע.

קומט צו גיין אַ מיידעלע,
און ברענגט מיט זיך אַ קריגעלע,
שליסט זי אָף דאָס שטיבעלע
און מעלקט אויס דאָס ציגעלע.

גייט אַוועק דאָס מיידעלע –
קומט אָן אַ גאָלדן פֿייגעלע
און פֿאַרשליסט דאָס שטיבעלע
ווידער מיטן בייגעלע.

(נחוה יוד)

גרעזעלעך

ווייַנען גרעזעלעך אין וואַלד:
– „אויס דער זומער, האַרבסט שוין באַלד!"
– ווייַנט נישט, ווייַנט נישט, גרעזעלעך!
זומערס זייַנען דאָ אַ סך.

ווייַנען גרעזעלעך אין וואַלד:
– „האַרבסט און ווינטער זייַנען קאַלט!"
– ווייַנט נישט, ווייַנט נישט, גרעזעלעך,
זון און הימל – אויף דער וואַך.

(ז. ווייַנמער)

איך וואָלט וועלן

איך וואָלט וועלן פֿירן שיפֿן,
זיין אַ קאַפּיטאַן.
אָדער אין די וואָלקנס פֿליִען
אויף אַן עראָפּלאַן.

מיט מיין קאָפּ וואָלט איך דעם הימל
אָנרירן געקענט.
און די זון אַרומגענומען
וואָלט איך מיט ביידע הענט.

און די ימען אויסגעמאָסטן
אין דער לענג און ברייט.
און מיט זיך וואָלט איך פֿאַרנומען
שטיקער זון און פֿרייד.

(רבקה גאַלין)

קעצעלע

ביי אונדז פֿאַראַן אַ קעצעלע,
אַ קליינינקס אַזאַ אָ!
די מאַמע זאָגט דאָס טויג אונדז ניט,
מיר אָבער טויג דאָס יאָ.

אַזוי איז דאָס אַ שוואַרצינקע,
גאָר פֿיטלעך ווייס ווי שניי,
צוויי גלאַנציק קליינע וואָנצעלעך,
וואָס שטענדיק פּוצט זי זיי.

די מאַמע האָט דאָס קעצעלע
פֿאַר מייזעלעך געבראַכט,
שפּילט זיך דאָס אַ גאַנצן טאָג
און שלאָפֿט זיך גאָר ביי נאַכט.

אַך, איז דאָס אַ לעבעדיקס
איך שפּיל מיט דער אין „האָפּ",
עס דראַפּעט מיר די אייגעלעך
און שפּרינגט מיר אויפֿן קאָפּ.

(ל. קוויטקאָ)

האָסט נאָך צייט

ווען איך בעט די מאַמען, זאָגט זי:
„האָסט נאָך צייט!"
זאָג איך: „מאַמע, קויף אַ קליידל
מיר פֿון רויטן זייד!"
זאָגט זי: „קינד מיינס, ניט געאיילט זיך:
האָסט נאָך צייט!"

זאָג איך: מאַמע, לאָמיר פֿאָרן,
ערגעץ ווייט.
זאָגט זי: „קינד מיינס, ניט געאיילט זיך:
האָסט נאָך צייט!"

זאָג איך: „מאַמע איך וויל אייזקרעם,
און איך האָב קיין מינוט ניט".
זאָגט זי: „קינד מיינס, האָסט נאָך צייט,
עס ברענט ניט."

ווען איך, ווערט די מאַמע בייז
און שרייט:
„איך וועל דיך שלאָגן!"
זאָג איך:
„האָסט נאָך צייט!"

(י. אַדלער)

נײנטע

גרופּע

קינדער

קינדערלעך אין אפריקע,
קינדער אין יאפּאן;
װאו עס זײנען קינדערלעך,
דארט איז פרײד פאראן.

אלע קלײנע קינדערלעך
זײנען קלוג און שײן,
שװארצינקע און װײסינקע -
אלע פול מיט חן.

(רבקה גאלין)

א ײנגעלע אזא

א ײנגעלע, א ײנגעלע, אלט איז ער צװײ
יאר,
קויפט מען אים א פערדעלע, װײל ער
צװײ - א פּאר.

א ײנגעלע, א ײנגעלע אלט איז ער
צװײ יאר,
האט די מאמע א מײדעלע, װײל ער
צװײ - א פּאר.

א ײנגעלע, א ײנגעלע, אלט איז ער
צװײ יאר,
גיט מען אים אן עפּעלע, װײל ער
צװײ - א פּאר.

א ײנגעלע, א ײנגעלע, אלט איז ער
צװײ יאר,
גיט מען אים א פּעטשעלע, װײל ער
צװײ - א פּאר.

(י.י.סיגאל)

ס'האט דער טאטע אײנגעפּלאנצט

ס'האט דער טאטע אײנגעפּלאנצט
בלימעלעך אין הויף.
גיה איך װאסער אלע טאג
און זײ װאקסן אויף.

איך און זעלדע װאקסן מיר
גאר אן װאסער אויס.
און מיר זײנען בײדע שוין
ביזן טיש די גרײס.

װי די מאמע רײד איך שוין,
לויפן קען איך גיך.
זעלדע גײט שוין אויך ארום,
אבער ניט װי איך.

אז איך נעם זי בײ דער האנט,
גײט זי מיט מיט מיר.
זי פארשטײט שוין װאס איך זאג,
שפּיל איך זיך מיט איר.

(לאה קאפּילאװיטש-האפמאן)

מיט א נאז און אן א נאז

װען קינדער טרינקען מילך
פון א גרויסער גלאז,
װאקסן זײ געזונט
מיט א שײנער נאז.
און
װען קינדער טרינקען מילך
פון א קלענער גלעזל,
װאקסן זײ נישקשה
מיט א קלענער נעזל.
אבער
װען קינדער טרינקען נישט
קײן מילך פון קײן גלאז,
װען קינדער טרינקען נישט
קײן מילך פון קײן גלעזל -
זײנען זײ גרינער פון א גרעזל
און זײ בלײבן אן א נעזל.

(יאחל קאטלער)

שטילער!

גלעקעלע, גלעקעלע, שטילער, נישט
קלינג!
פײגעלע, פײגעלע, שטילער, נישט זינג!
הינטעלע, הינטעלע, שטילער נישט בײל!
מיאוקע ניט קעצעלע, שטילער, זײ
שטיל!

זשומע נישט, בינעלע, פלי ניט ארום,
קלאפּ נישט אין פענצטער,
קלאפּ נישט אין שויב,
קראנק ליגט מײן ײנגעלע,
מײן גאלדענע טויב.

עס שלאפט איצט מײן ײנגעלע,
שטילער, זײט שטיל!
בעט פאר אים שװײגנדיק
בעט אין דער שטיל.

(אײדא מאזע)

גרויסע און קליינע

זינג ווי דו ווילסט,
צי שיין, צי ניט שיין —
קליינינקע פיסעלעך
טאנצן אליין.

שפיל וואס דו ווילסט,
אזוינס צי אזוינס —
ראזינקע מיילעכלעך
זינגען אלץ איינס.

שפיל שיין און שפיל פיין,
צייל איינס און צייל צוויי —
עס פוזן גיין גרויסע
אזוי און אזוי.

קליינינקע גייען
ווי קליינינקע ווילן,
קליינינקע שפרינגען
און טאנצן און שפילן.

(איידא מאזע)

קארוסעלן

רונדא, רונדא, רונד ארום
אויף די קארוסעלן.
יאנקל־באנקל בול־בול־בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

א פוס אהער, א פוס אהין,
און דאס פערד אין מיטן.
יאנקל־באנקל פייער־פלאם —
אז רייטן איז געריטן.

ראד אריין און ראד ארויס,
אזש דער קאפ פארדרייט זיך
יאנקל־באנקל יאגט זיין פערד,
יאגט זיין פערד און פרייט זיך.

(י. גויכבערג)

אז עס גייט א רעגנדל

ציגעלע, מיגעלע, קאטינקע,
רויטע פאמעראנצן —
אז עס גייט א רעגנדל,
גלוסט זיך מיר צו טאנצן.

אז עס גייט א רעגנדל,
ווערן נאס די שטיבן —
גיי איך אויף דער גאס ארויס,
טריפט עס מיר פון אויבן.

גיי איך אויף דער גאס ארויס,
הייב איך אן צו גלאנצן:
נאס דער שטערן, נאס די נאז,
אויפגעוועקט אין גאנצן.

ציגעלע.........

(א. שטריצער)

זיבן קינדער

זיצן, זיצן זיבן קינדער
ביי א קוואל א ברונעם,
ביי א קוואל א ברונעם.
זאגט איינער צו דער אנדערן:
—וואלט מיין מאמע קומען,
וואלט מיין מאמע קומען,
וואלט איך געלאפן איבערן גראז,
וואלט איך געשפרונגען ווי א האז,
וואלט מיין מאמע קומען,
וואלט מיין מאמע קומען!

זיצן, זיצן זיבן קינדער
ביי א קוואל א ברונעם,
ביי א קוואל א ברונעם.
זאגט איינער צו דער אנדערן:
—וואלט מיין מאמע קומען,
וואלט מיין מאמע קומען.
וואלט איך געלאפן אהין און אהער,
וואלט איך געשפרונגען ווי א בער,
וואלט מיין מאמע קומען,
וואלט מיין מאמע קומען!

(פאלקסליד)

שיקט מען מיך אין שול ארײן,
פרײלעך בין איך דאָרט.
ײדיש לערן איך גאָר פײן
כסדר וואָרט נאָך וואָרט.

יעדן טאָג א טראָפּעלע,
יעדן טאָג א ביסל,
און נאָך א ביסל,
און נאָך א ביסל -
ווערט א פולע שיסל.

(א.מאַפּאַטשניק)

דרײ אײנגעלעך

די מאַמע האָט דרײ ײנגעלעך,
דרײ ײנגעלעך געהאַט,
מיט שײנע רויטע בעקעלעך,
דרײ ײנגעלעך א פּראַכט.
האָט אײנס געהײסן בערעלע,
דאָס צװײטע חײם-שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהײסן -
מע זאָל אים קויפן שיך.

די מאַמע האָט דרײ ניסלעך,
דרײ ניסלעך געבראַכט,
דרײ שײנע פײנע ניסלעך,
דרײ ניסלעך א פּראַכט.
האָט אײנעם געקראָגן בערעלע,
דאָס צװײטע חײם-שמערעלע
דאָס דריטע פײנטטע ניסעלע
האָט זי גענומען זיך.

איר װאונדערט זיך א ביסל,
פאַר װאָס ניט מיר א ניסל,
װײל ניסל, ניסל, ניסעלע -
נימען דאָס בין איך!

(י.גוזיכבערג)

מיר גײען

מיר גײען, מיר גײען
אין רײען צו פיר,
מיר גײען, מיר גײען
אויף אונדזער שפּאַציר.

מיט א ליד, מיט א ליד
איז מען פרײלעך,
מע װערט גאָרניט מיד.

אין װאַלד זײנען צװײגן
און בלעטער שוין גרײט,
נו, פלאַקערט א פײער,
נו, זינגט מען מיט פרײד.

מיט א ליד......

געגעסן, געזונגען,
א טומל, א געװאַלד.
עס קלינגט שוין מיט ײדישע
לידער דער װאַלד.

מיט א ליד.....

(דוד ראַדין)

מיקי-מויז

קינדער, שטעלט זיך אין א קרײז,
אלע זײנען מיקי-מײז.
מיקי-מײזל, מיקי-מויז,
קום ארײן און גײ ארויס.

דאָ אין מיטן ליגט א קעז,
גנבע זיך ארײן און עס.
מיקי-מײזל, מיקי-מויז,
קום ארײן און גײ ארויס.

שטײט דאָ מילך א פולער טאָפּ,
גיב א לעק און טראַג זיך אָפּ.
מיקי-מײזל, מיקי-מויז,
קום ארײן און גײ ארויס.

שוין פון אלץ גענומען פײן,
שיק א צװײטע מויז ארײן.
מיקי-מײזל, מיקי-מויז,
קום ארײן און גײ ארויס.

(ש.צעסלער)

אײנס און צװײ

אײנס און צװײ,
אײנס און צװײ,
צװײ און צװײ איז פיר,
װינטל בלאָז
אויפן גראָז,
בלאָזט עס אויך אויף מיר.

דרײ און פיר,
דרײ און פיר,
פיר און פיר איז אכט.
אויפן קאַרק
פון א באַרג
האָט זיך װער צעלאַכט.

פיר און פינף,
פיר און פינף,
פינף און פינף איז צען,
קלינג-קלאַנג קלינגט
פויגל זינגט
װײסט מיר װאָס ער קען.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

אַ ב ט ע

ג ר ו פּ ע

אַ שפּאַצירליד

פוס צו פוס און האַנט צו האַנט,
לאָמיר אַלע גײן בײנאַנד!
אײנס און צװײ און אײנס און צװײ,
װי אַ גרױסער טרעט און גײ.

נאָר ניט פֿױלט זיך, ליבע קינדער,
לאָמיר גײן און זינגען לידער.
אײנס און צװײ און װערט ניט מיד,
שטעלט געזונטע, ברײטע טריט.

(מ. ריװעסמאַן)

גײען מיר שפּאַצירן

גײען מיר שפּאַצירן
װײט און װײט אַװעק;
גײען מיר און גײען,
ס'נעמט גאָרניט קײן עק.

װאָס זשע דאַרף אונדז אַרן,
זומער איז שױן דאָ!
קומען מיר ניט איצטער,
איז שפּעטער מיט אַ שעה.

(מ. שיפֿריס)

פֿלאַקער, פֿײער!

פֿלאַקער, פֿײער, פֿלאַקער,
פֿלאַמען אין דער הײך!
שיט מיט רױטע פֿונקען,
מיטן רױטן רױך.

פֿלאַקער, פֿײער, פֿלאַקער,
פֿלאַמען אין דער נאַכט,
רונד אַרום דעם פֿײער –
קינדערלעך פֿאַרטראַכט.

(נחום װײסמאַן)

אַ קעצעלע

כ'האָב אַ שײנע קעצעלע,
װײס איז זי װי שנײ,
מיט שײנע גרינע אײגעלעך,
װי פֿײער זײנען זײ.

איך עפֿן נאָר די אײגעלעך –
זי שטײט שױן בײ מײן טיר.
זי טאַקלט מיטן קעפּעלע:
„גוט מאָרגן" – זאָגט זי מיר.

איך האָב ליב אַזױ מײן קעצעלע,
מיר שפּילן נאָר בײנאַנד,
זי טרינקט נאָר פֿון מײן טעצעלע,
זי עסט נאָר פֿון מײן האַנט.

(רבקה גאַלין)

אונדזער קראָליק

האָבן מיר אַ שײנעם קראָליק,
הערט נאָר אױס אַ מעשׂה,
אױגן האָט ער גרױסע, רױטע
און אַ פֿעל אַ װײסע.

אונדזער קראָליק האָט פֿיר פֿיסלעך,
שפּרינגט ער אױף אין גאָרטן,
אונדזער קראָליק האָט אַ נעזל,
שמעקט ער דאָ און דאָרטן.

אונדזער קראָליק איז אַ שטאַרקער,
הערט װאָס ס'האָט געטראָפֿן,
ער האָט דערזען אַ הונט אַ גרױסן –
איז ער באַלד אַנטלאָפֿן.

(אַ. קריזאַװסקי)

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
פֿינטלט מיטן אײגל.
ביסט מקנא װאָס איך עס?
נאַ אַ ביס פֿון בײגל!

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
טאַקלט מיטן קעפּל.
װאָס, ס'איז װײניק? דו װילסט נאָך?
נאַ אַ קײ פֿון עפּל.

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
טרײסלט מיטן בערדל.
מער קײן עסן – האָב איך ניט –
בעסער זײ מײן פֿערדל.

(ש. צעסלער)

איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע

איך בין אַ ייִדיש ייִנגעלע,
דאָס קענט איר זען אַלײן.
אָבער ייִדיש רײדן גוט
קען איך ניט פֿאַרשטײן.

פרילינג, פרילינג!
ווײַס און ראָז
רויִק, ווינטל,
שטילער בלאָז.

פרילינג, פרילינג!
ראָז און ווײַס,
שפּיל אין גאָרטן,
קײן בלום ניט רײַס!

(ה.רויזנבלאַט)

פֿײגעלעך

פֿײגעלעך פֿון ווײַטן
קומען שוין צוריק.
און עס הערט זיך ווידער:
טשיק-טשיריק.

בליִען וועלן בלומען,
פרילינג, פרילינג גײט!
פֿײגעלעך די נעסטן
מאַכן גרײט.

ס'פֿליט ארויס א פֿליגל,
ס'קריכט ארויס א זשוק.
און עס הערט זיך ווידער:
טשיק-טשיריק!

דאָס וואָלקנדל

שווימט און שווימט א וואָלקנדל,
גיך דאָס ווינטל יאָגט.
קלײנע טראָפּנס, טראָפּעלעך
גאָר א סך עס טראָגט.

צו גאַסט צום קלײנע וואָלקנדל
קומען טראָפּנס אָן א צאָל.
„שווער איז מיר צו טראָגן אײַך!“ -
זעגנט זי מיט א מאָל!

(ר.באָיארסקי)

דאָס טײַבעלע וואָרקעט

דאָס טײַבעלע וואָרקעט,
דאָס טײַבעלע רופֿט:
„שטײט אויף, קינדער! ליכטיק
און פֿריש איז די לופֿט.

עס בליִען די בײמער,
עס שפּראָצן די בלומען,
צו אונדז איז דער פרילינג,
דער פרילינג געקומען!

(שמעון פרוג)

זומער

וועלף און בערן אין די וועלדער,
שאָף און רינדער אויף די פֿעלדער,
פֿישעלעך און פֿײגעלעך,
ײנגעלעך און מײדעלעך -
אַלע, אַלע קוועלן אָן
ווען דער זומער-לעב קומט אָן.

(נחום יוד)

רעגן

רעגן, רעגן, וואַש מיך אויס,
וועל איך וואַקסן
הויך און גרויס.

גיס, גיס, רעגן, גיס,
פּאַטש אין פּנים,
אין די פֿיס!

פּאַטש, פּאַטש, נעץ מיך אײַן
שטאַרקער, שטאַרקער,
אײַ, ס'איז פֿײַן!

(רבקה גאַלין)

גאָט, גאָט, גיב א רעגן

גאָט, גאָט, גיב א רעגן
פֿון די קלײנע קינדער וועגן!
ניט קײן סך, ניט קײן ביסל,
נאָר עס זאָל זײַן א פֿולע שיסל!

(פֿאָלקסליד)

יונגער שניי

יונגער שניי.
קומט נאָר איינער, קומען צוויי,
דריי און פיר —
מער און מער און אָן א שיעור.
דרייט זיך גרינג די וועלט אין ראָד
מיטן שנייען־קאַראַהאָד.

שניי

שניי און שניי און שנייעלעך,
פּיצינקעלעך טייבעלעך,
פליען, פליען, זעצן זיך
איף דער גאָרער וועלט.

ווערט די וועלט א ווייסינקע,
פול באַזעצט מיט טייבעלעך.
שניי און שניי און שנייעלעך
פרישינקע ווי קעלט!

(ל.קוויטקא)

שניי, שניי, ווייסער שניי!

שניי, שניי, ווייסער שניי!
כ'האָב אויף דיר א יאָר געוואַרט.
קום זשע היינט און מיך דערפריי,
זיי נישט אזוי איינגעשפּאַרט!

האָט דער שניי זיך צוגעהערט,
איז געקומען היינט ביי נאַכט.
אין דער פרי איז ווייס די ערד,
ווייס דער בוים און ווייס דער דאָך.

(א.אויערבאך)

דער ווינטער איז געקומען

דער ווינטער איז געקומען,
דער שניי פליט און פליט,
מיר זיצן אין צימער
און זינגען א ליד.

א ליד און א שפּיל,
א טענצל דערביי.
מיר פרייען זיך אלע,
ווי ס'וואָלט געווען מאי.

עס מעג שנייען און דרייען
אָן אויפהער די גאַס,
דער ווינטער וועט אונדז זיין
א טייערער גאַסט.

(ד.טשארני)

שפּילן מיר אין קוילן שניי

שפּילן מיר אין קוילן שניי,
אין קוילן שניי, אין קוילן שניי,
אוי א [illegible]ל'אַרעם, א געשריי,
א געשריי — גוואַלד!

הייבט אָן פרירן אין די פיס,
אין די פיס, אין די פיס,
ס'גיט דער פראָסט א ריס, א ביס,
א ריס, א ביס — קאַלט!

וואַרפן מיר די קוילן שניי,
די קוילן שניי, די קוילן שניי,
ווי די פייגל פליען זיי,
פליען זיי — ס'פליט!

ווערט אונדז קאַלט אויך אין די
הענט,
אין די הענט, אין די הענט,
אוי ס'איז קאַלט אזש עס ברענט,
אזש עס ברענט — ס'ברי[illegible] !

(י.ב.ביילין)

פרילינג

מער ניט קיין שנייעלע,
פרעסטעלע קעלט,
פרישינקע ווינטעלעך
בלאָזן אין פעלד.

וועקן די גרעזעלעך,
גלעטן די בלום,
שפּילן אין ביימעלעך,
שטיפן ארום.

פרילינג גייט

גראָזן שפּראָצן, שפּראָצו בלומען,
פייגל זינגען, טייכן ברומען,
קלינגט דאָס האַמערל דערפרייט:
פרילינג גייט, פרילינג גייט,
פרילינג גייט!

פרילינג

פרילינג, פרילינג!
בלוי און גרין
צווישן בלומען
שפּילט א בין.

פרילינג, פרילינג!
גרין און בלוי
און די בלומען
פול מיט טוי.

זיבעטע
גרופּע

עס איז דער הארבסט געקומען

עס איז דער הארבסט געקומען,
עס וועלקן בוים און בלום.
געלע בלעטער, זע איך,
וואלגערן זיך אום.

עס קומט א ווינט א קאלטער,
פייפט א לידל צו.
און די אָרעמע בלעטער
האבן ניט קיין רו.

(אברהם רייזען)

דער ליבער זומער איז אוועק

דער ליבער זומער
איז אוועק.
רעגנס פאלן
גאנצע טעג.

נאסע ווינטלעך
בלאָזן קאלט,
טרייבן פייגל
פון דער וואלד.

פייגעלעך, פייגעלעך,
פליט מיט גליק!
געזונטערהייט נאָר
קומט צוריק!

(י.קאַצנעלסאָן)

אוי, העלפט מיר קינדער אונטער

אוי, העלפט מיר, קינדער אונטער,
קיין כוחות איז נישטאָ.
געקומען איז דער ווינטער,
דער ווינטער איז שוין דאָ.

מיט שניי באדעקט די פעלדער,
פארפרוירן שטייט דער וואלד,
די פעלדער און די וועלדער -
זיי ברומען: קאלט... ס'איז קאלט!

(מ.ווארשאווסקי)

שווארצע ציגן

שווארצע ציגן,
ווייסע בערד,
קערן, קערן
אויף די ערד.

באלד קומט ווינטער,
דארף זיין ריין.
פעלדער ווילן
שלאָפן גיין.

(נחוה ווייסמאן)

באלד וועט שנייען

גרויע וואָלקנס קומען אָן,
באלד, אָט באלד וועט שנייען.
קאלטע ווינטן קומען אָן,
וועלן שניי צעווייען.

קליינע קינדער קומען אָן,
טאנצן מיט די שנייען.
קליינע קינדער קומען אָן,
מיט דער וועלט זיך פרייען.

(אידא מאזע)

ווינטער

ווינטער, ווינטער, אלטער, קאלטער,
שרעקסט מיט שניי און קעלט.
אָבער מיר איז זייער פריילעך
אין א ווייסער וועלט.

ווינטער, ווינטער איז א בייזער,
שטייסט ער מיך מיט שניי.
אָבער מיר איז זייער פריילעך,
טוט מיר גארניט וויי.

(רבקה גאלין)

א ווינטערליד

פלאטערלעך, פליטערלעך -
פאָרט מען אויף שליטעלעך;
גייט מען שפּאצירן,
די נעזעלעך פרירן.

מאכט מען א מענטשעלע,
גייט מען א טענצעלע
אלע צוזאמען -
די פנימלעך פלאמען.

(נחום יוד)

א שיינע מעשה

קינדער, הערט א שיינע מעשה
פון א ציגעלע א ווייסע:
פאר צוויי גילדן הארטע, גלאטע
האט זי אפגעקויפט דער טאטע.
חד גדיא, חד גדיא!

קומט די קאץ און נעמט זי דראפען,
וויל דאס ציגעלע גאר כאפן.
קינדער הערט א שיינע מעשה
פון א ציגעלע א ווייסע.
חד גדיא, חד גדיא.

קומט דער שטעקן און נעמט קלאפן:
„זאלסט דאס ציגעלע ניט כאפן!“
קינדער הערט א שיינע מעשה
פון א ציגעלע א ווייסע.
חד גדיא, חד גדיא.

(מ.ריוועסמאן)

שבועות

פסח אוועק,
שבועות געקומען;
ווארעמע טעג,
גרעזעלעך, בלומען.

נאר אויף צוויי טעג
שבועות געקומען,
גייט ער אוועק —
בלייבן אונדז בלומען.

(מ.ריוועסמאן)

ערשטער מאי

היינט איז לויטער זון און הימל,
און די ערד איז גרין און שיין,
אויפן גרויסן ארבעט־יום־טוב
פריילעך, קינדער, לאמיר גיין.

הויך די רויטע פאן געהאלטן,
שטאלץ געגאנגען — איינס, צוויי, דריי.
אומעטום זאל זינגען, קלינגען:
„לעבן זאל דער ערשטער מאי!“

היינט איז דער ערשטער מאי

היינט איז דער ערשטער מאי,
די וועלט איז פריילעך, פריי.
היינט איז דער ערשטער מאי,
היינט איז דער ערשטער מאי!

דיין הענטל גיב אהער,
זיי ניט טרויעריק מער.
היינט איז דער ערשטער מאי,
היינט איז דער ערשטער מאי!

זעקסטע

גרופּע

סוכות

א שטיבעלע א קליינינקע,
א שטיבעלע א שיינינקע
האָבן מיר געמאכט.
איך האָב מיט מײַנע הענטעלעך
אויסגעפּוצט די ווענטעלעך,
שיין אליין געמאכט

(מ.ריוועסמאן)

חנוכה, אָ חנוכה!

חנוכה, אָ חנוכה,
א יום־טוב א שיינער
א לוסטיקער, א פריילעכער
נישטאָ נאָך אזוינער.

אלע נאכט אין דריידלעך
שפּילן מיר,
פרישע, הייסע לאטקעס
עסן מיר.

געשווינדער, צינדט, קינדער,
די חנוכה־ליכטלעך אָן!

אָ, איר קליינע ליכטעלעך

אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
מעשהלעך אָן צאָל.
אָ, איר קליינע ליכטעלעך,
איר דערציילט געשיכטעלעך,
וואונדער פון אמאָל.

(מ.ראָזנפעלד)

חנוכה

דער פעטער יאָסע,
די מומע האָסע,
די באָבע זלאָטע,
די מאמע, דער טאטע —
א לעבעדיקע וועלט:
אלע גיבן היינט חנוכה־געלט.

אין דרויסן שנייען
און ווינטן ווייען,
אין שטוב איז וואַרעם,
עס קלינגט א ליאַרעם —
א לעבעדיקע וועלט:
מע שפּילט אין דריידלעך אויף געלט.
(מ.ריוועסמאן)

היינט איז פּורים

היינט איז פּורים,
מאָרגן איז אויס,
גיט מיר א גראָשן
און וואַרפט מיך ארויס.

היינט איז פּורים, ברידער

היינט איז פּורים, ברידער,
עס איז דער יום־טוב גרויס,
לאָמיר זינגען לידער,
גיין פון הויז צו הויז.

ס'קומט דער פּורים

ס'קומט דער פּוריר, איז דאָ צו נאַשן
זיסע, פרישע המן־טאַשן.
וואַרט, מע וועט א סעודה מאַכן,
וועל איך עסן גוטע זאַכן.

(מ.ריוועסמאן)

א ציגעלע פאַר צוויי גילדן נאָר

דער טאַטע האָט א ציגעלע,
א ציגעלע א געלד.
ער האָט פאַר איר צוויי גילדן נאָר,
צוויי גילדן נאָר באַצאָלט.

געקומען איז א קעצעלע,
דאָס ציגעלע צעריסן;
געקומען איז א הינטעלע,
דאָס קעצעלע צעביסן.

דער ליבער פּסח

זיי געגריסט, דו ליבער פּסח,
ווינטער אויס, א סוף!
מיר איז גוט — פיר קשיות ווייס איך,
פרעגט מיך באַטש פון שלאָף;
מיר איז גוט — פיר קשיות ווייס איך,
פרעגט מיך באַטש פון שלאָף!

(מ.ריוועסמאן)

פינפטע

גרופע

די מאמע

אליע, ליוליע! אליע, ליוליע!
שלאָף, מיין טייערער, און רו.
וואויל איז דער וואָס האָט א מאמע
און א וויגעלע דערצו.

אלצדינג קאָן מען נאָך געפינען,
אלצדינג קריגט מען נאָך פאר געלט.
נאר א מאמע - זי איז איינע,
זי איז איינע אויף דער וועלט.

שלאָף, מיין טייערער, מיין ליבער!
מאך די אויגן צו און רו,
וואויל איז דער וואָס האָט א מאמע,
אליע, ליוליע, אליע ליו!

(דוד איינהאָרן)

מאמע און קינד

יעדע מוטער ליבט איר קינד
אז עס איז דאָס בעסטע
איך האָב א קינד און ליב עס נישט,
איך ווייס: עס איז דאָס בעסטע!

יעדע מוטער ליבט איר קינד
אז עס איז דאָס שענסטע.
איך האָב א קינד און ליב עס נישט,
איך ווייס: עס איז דאָס שענסטע!

(י.ל.פרץ)

דער מאמעס געבורטסטאָג

אויפגעשטאַנען זיינען מיר
פריער פאַרן מאָרגן.
היינט איז מאמעס יום-טוב-טאָג,
דאַרף זי גאָרנישט זאָרגן.

אויסגערייניקט, אויפגעראַמט
האָבן מיר די דירה -
מעג די מאמע גיין א טאַנץ
מיט די קינדער אירע!

(לייב מלאָך)

ברויט מיט פוטער

ברויט מיט פוטער, ברויט מיט פוטער,
גיב מיר ברויט מיט פוטער,
שניידן פאר מיר און שנייד פאַר דיר -
און שנייד אויך פאר דער מוטער.

ברויט מיט האָניק, ברויט מיט האָניק,
איז גוט און זיס צוזאַמען,
א ביס פאר מיר, א ביס פאַר דיר,
א ביס אויך פאר דער מאמען.

איך האָב ליב

איך האָב ליב מיין ברודער,
איך האָב ליב מיין שוועסטער,
און פון אלע טאַטעס
מיינער איז דער בעסטער.

נאָר מיין ליבע מאמע
ליב איך מער פון אלע,
ווען איך וועל זיין א גרויסע,
וועל איך זיין דיין כלה!

(רבקה גאלין)

די מאמע רופט

די זון פארגייט, די מאמע רופט -
די מאמע רופט מיך שלאָפן;
איך וואָלט געקענט א גאַנצע נאכט
די אויגן האַלטן אָפן.

די מאמע רופט און איך מוז גיין -
עס ווערט שוין קיל און שפּעט,
עס וואַרט אויף מיר דער מאמעס קוש
און ס'אויסגעבעטע בעט.

(רבקה גאלין)

א קינד

שטייט אין שטוב א וויגעלע,
א וויגעלע א קליינט,
ליגט אין דער א יינגעלע,
א יינגעלע א שיינס.

און די ליבע מאמעלע
וויגט אהין - צוריק,
זינגט א קינדער-לידעלע,
פרייט זיך מיט איר גליק.

(י.ל.קאַלושינער)

בעל מלאכות

בין איך מיר א שניידערל,
רופט מען מיך רב גארל;
צי איך מיר אזוי אריין
א פאדעם אין א נאדל.
כ'מאך אין עק א קניפעלע -
ניי און ניי כסדר;
אט-אזוי און אט-אזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טורי! טורי!
ניי איך מיר די קליידער.

בין איך מיר א שוסטערל,
רופט מען מיך רב מיכל;
נעם איך מיר אזוי די נאל
און שטעך אריין אין שיכל.
ווערט אין זויל א לעכעלע,
שטעק אריין א טשוועקל;
אט-אזוי און אט-אזוי
קלאפ איך מיטן העקל.
קלאפ און קלאפ! קלאפ און קלאפ!
קלאפ איך מיטן העקל.

(י.קאצענעלסאן)

א גוטער שניידער

אט אזוי נייט א שניידער,
אט אזוי נייט ער גוט.
ער נייט און נייט א גאנצע וואך
און מאכט א לאטע מיט א לאך.

(פאלקסליד)

יאמע, יאמע, שפיל מיר א לידעלע

-יאמע, יאמע, שפיל מיר א לידעלע,
וואס דאס מיידעלע וויל.
-דאס מיידעלע וויל א קליידעלע האבן,
מוז מען גיין דעם שניידער זאגן.
-ניין, מאמעשי, ניין,
דו קענסט מיך גיט פארשטיין,
דו ווייסט נישט וואס איך מיין.

-יאמע, יאמע, שפיל מיר א לידעלע,
וואס דאס מיידעלע וויל.
-דאס מיידעלע וויל א פאר שיכעלעך האבן
מוז מען גיין דעם שוסטער זאגן.
-ניין, מאמעשי, ניין,
דו קענסט מיך נישט פארשטיין,
דו ווייסט נישט וואס איך מיין.

-יאמע, יאמע, שפיל מיר א לידעלע,
וואס דאס מיידעלע וויל.
-דאס מיידעלע וויל א רינגעלע האבן,
מוז מען גיין דעם גאלדשמיד זאגן.
-יא, מאמעשי, יא,
דו קענסט מיך שוין פארשטיין,
דו ווייסט שוין וואס איך מיין!

פינפטע גרופע

לאז מיך, מאמע, לאז!

איך וויל גיין א שפאצירען,
לאז מיך, מאמע, לאז.
כ'וועל מיט הינטלעך פייגעלעך
אומלויפן אין גראז.

ה'קיצלט אין די פיסעלעך
און עס קיצלט אזוי
פון די הויכע גרעזעלעך
און די טראפנס טוי.

(רבקה גאלין)

מאמע איז שולדיק

איך בין א קליין, קליין יינגעלע
און קען קיין זאך נישט טאן,
און שולדיק איז אין דער מיין מאמע -
וייל זי זאגט מיר שטענדיק אן:
„טו נישט דאס, און טו נישט דאס,
און רירט קיין זאך נישט אן",
מוז איך שטענדיק פאלגן מאמען
און קען דערפאר קיין זאך נישט טאן.

(איידא מאזע)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]

[illegible]

פּ ע ר ז ע נ ע ן

ג ר ו פּ ע

דער בעקער

בעקער, בעקער, קנעט א טייגל.
באַק א קוכן, באַק א בייגל,
באַק א ברייטל, באַק א זעמל
און פאַרקויף דערנאָך אין קרעמל.

(י. קאַמינסקי)

דער בעקער

אַלע שלאָפן, ס'איז שוין שפּעט,
נאָר דער בעקער שטייט און קנעט,
הייצט דעם אויוון פייער רויט,
גרייט אויף מאָרגן אָן דאָס ברויט.

(אייזיק פּלאַטנער)

דער שניידער

מיט דער נאָדל, מיט דער שער,
מיט דער ניי-מאַשין בסדר,
מיט דער האַנט אַהין-אַהער
מאַכט דער שניידער קליידער, קליידער.

(אייזיק פּלאַטנער)

די זעג

זיג-זאַג, זיג-זאַג, זעג א ברעט
פאַר א טיש און פאַר א בעט,
פאַר א שטול און פאַר א דאַך, -
ס'איז א זעג א גוטע זאַך.

(י. קאַמינסקי)

דער סטאָליער

סטאָליער, סטאָליער, נעם דיין האַמער,
נעם דיין הובל און דיין ליאַמער.
מאַך א שליטן, מאַך א וואָגן -
איך וועל א גרויסן דאַנק דיר זאָגן.

(י. קאַמינסקי)

דער שלייפער

ווער דאַרף שלייפן שער און מעסערס?
קיינער וועט ניט מאַכן בעסער.
קומט אַהער אויף גיך,
שלייפן גוט קען איך!

די פאַרבערס

פאַרבערס שטייען אויפן דאַך,
טוען אַרבעט גאָר א סך,
פאַרבן שיין די ווענט
מיט די בערשטלעך אין די הענט.

ווער עס גייט פאַרביי - זאָל היטן
זיינע קליידער און זיין הימל:
פאַרב פון בערשטל רינט אַראָפּ
גלייך דער גייער אויפן קאָפּ.

שניידער בער

שניידער בער האָט אָן אייזן,
האָט אָן אייזן, האָט א שער.

נייט דאָס שניידערל און נייט
טאָג נאָך טאָג א נייע קלייד.

אָט אַזוי נייט א שניידער,
אָט אַזוי נייט ער גוט.

נייט דאָס שניידערל און נייט,
טאָג נאָך טאָג א נייע קלייד.

(פאָלקסליד)

א ליד פון א שניידער

היי, היי, היי,
רעדל, טו א דריי!
מיטן האַנט און מיטן פוס,
רעדל, טו א דריי!

היי, היי, היי,
רעדל, דריי און ניי!
מיטן האַנט און מיטן פוס,
רעדל, דריי און ניי!

(דוד ראָדין)

דער אַלטער שניידער דאָדל

דער אַלטער שניידער דאָדל
פאַרלירט די שאַרפע נאָדל.
מיט וואָס זשע וועט ער נייען
א קליידעלע פאַר לאהן?

דו, אַלטער שניידער דאָדל,
דו האָלטסט אין לאַץ די נאָדל!
אַצינד קענסטו שוין נייען
א קליידעלע פאַר לאהן.

זײ ניט ברוגז מער

בערל, בערל, קום אהער!
זײ אױף אונדז ניט ברוגז מער!
גיב א זונג,
גיב א שפרונג -
אײנס, צװײ, אם אזױ!

בערל, קום א טענצל גײן,
שטײ ניט װי א נאר אלײן,
קוק ניט קרום,
גיכער קום,
קאראהאד,
אין א ראד.

(נחום יוד)

בערעלע איז א שוטה

אמאל איז געװען א מעשה,
א ציגעלע א װײסע,
א קיעלע א רויטע,
בערעלע איז א שוטה.

(פאלקסליד)

מײן הונט און איך.

מײן הונט און איך -
חברים צװײ.
ער גײט מיר נאך
װאוהין איך גײ.

ער לויפט מיר נאך
װאוהין איך לויף.
איך װארף א באל,
כאפט ער דעם אויף.

ער שפרינגט אויף מיר
און װארפט מיך אום.
ער רילט אויף מיר
און רופט מיך: קום!

ער בײסט מײן האנט
און טוט ניט װײ.
מײן הונט און איך -
חברים צװײ.
(י. קאמינסקי)

װאס טויג אזוינע זאכן

פײגל װאס ניט זינגען
טרא-לא-לא!
פײגל װאס ניט זינגען
טרא-לא-לא!
װאס טויג אזוינע זאכן?
װאס טויג?
גלעקלעך, װאס ניט קלינגען
דין-דין-דאן!
גלעקלעך װאס ניט קלינגען
דין-דין-דאן!
װאס טויג אזוינע זאכן?
װאס טויג?
קינדער װאס ניט לאכן
כא-כא-כא!
קינדער װאס ניט לאכן
כא-כא-כא!
כא-כא-כא!
װאס טויג אזוינע זאכן?
װאס טויג?

ברײטעלע

ברײטעלע, ברײטעלע,
ברײטעלע קלײן,
א ברײטעלע דארף דאך
קײלעכדיק זײן;
א צינד געשװינד,
אין אײװעלע ארײן!
גענוג אין אײװעלע געזעסן -
האט-האט, און יפגעגעסן.

(י.ל. פרץ)

דו די קאַץ, איך די מויז -
זאָלסט זיך נאָר ניט דראַפּען.
דו אַריין, איך אַרויס -
װער װעט װעמען כאַפּן?

(אסתר שיגאל)

די מומע זעלדעניו

הענט אויף מײַנע אײַגעלעך,
א שטימע הינטער מיר:
- „זאָג, װער איז דאָס, מאַטעלע,
װער שטייט דאָס הינטער דיר?"

- „כ'װײס ניט, מומע זעלדעניו,
דו האָסט דאָך מיך פאַרבלענדט,
װי זשע קען איך װיסן אַז
דו נעמסט ניט צו די הענט?

(ל.קאַפּילאָװיטש-האָפּמאַן)

קאַרוסעל

קאַרו-קאַרו-קאַרוסעל
דרייט זיך װי א שטורעם שנעל.
פערדל-בערדל, גיכער פאָר
און צעשויבער מײַנע האָר!

(אפרים אויערבאַך)

פאַרשלאָסן

נעמט די קלײנע פּעטעלע
טוט אָן אויף טיר א שלעסעלע,
גלאַט אַזוי, אויף שפּאַס.
נעמט דער קלײנער נימעלע,
פאַרשליסט עס מיט א שליסעלע
און גייט אַװעק אין גאַס.

(א.שינדלער)

דער שניימענטש

שטייט א שניימענטש,
װײַסער קאָפּ.
קוקט ער, קוקט
צו מיר אַראָפּ.
שניימענטש, שניימענטש,
איז דיר קאַלט?
װעל איך פייער
מאַכן באַלד!

(א.שינדלער)

א טאַנצליד

די גרעזעלעך בליען
אין פעלד אַלע גלײַך.
א קינד מוז זײַן פריילעך,
ציי אָרעם צי רײַך.

מיר זײַנען דאָך אַלע
נאָך קינדערלעך קלײן,
אַנדז פּאַסט צו זײַן פריילעך
און טאַנצן צו גיין.

(י.פּיכמאַן)

קומט, קינדער, לאָמיר גיין

קומט, קינדער, פריילעך גיין,
איצט לאָמיר, בלײַבן שטיין.
און טוט זיך גיך א דריי, 2
אײנס און צװײ. מאָל

איצט מאַכן מיר א ראָד,
און גייען א קאַראַהאָד.
פריילעך לאָמיר גיין 2
אַזוי איז שיין. מאָל

טראַ-לאַ-לאַ-לאַ
און טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

(ר.באָיאַרסקי)

א שיפעלע

ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען.
בוי איך מיר א שיפעלע
צו פאָרן איבער ימען.

שפּרייט איך מיר א זעגל אויס,
בלאָזט אים אויף דער װינט.
װינט, דו װינט, מײַן שיפל טראָג
צו יענעם ברעג געשװינד.

(ה.ד.נאָמבערג)

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע

ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע,
גייט אַרום א בלאָטינקע.
קיצעלע-קעצעלע רוזשינקע
גייט אַרום א קוזשינקע.
איך װעל א קאַן און װאַסער נעמען
און זיי װאַשן און פאַרקעמען.

(אפרים אויערבאַך)

[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

דריטע גרופּע

דריידל

דריידל, דריידל, דריידל — בלײ
דריי זיך גיך און דריי זיך פריי,
אויפן טיש און אויפן דיל —
דריידל איז א לוסטיק שפּיל.

(י.קאַמינסקי)

א שפּיל אין פּילקע

אײנס און צוויי
און דריי און פיר,
איך צו דיר,
און דו צו מיר.

אײנס און צוויי
און דריי און פיר,
דו צו מיר
און איך צו דיר.

דער פּויק גייט פאַרויס

דער פּויק גייט אַרויס,
און פּויקט זיך פאַרויס,
און מיר אלע גייען
פריילעך אין די רייען.
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ
און טראַלאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

קלינגט, קלינגט, גלעקעלעך,
קלאַפּט, קלאַפּט, שטעקעלעך,
פייפט, פייפט, פייפעלעך,
קלאַפּט, קלאַפּט, פּײקעלעך
טראַ-לאַ..........

א טאַנצליד

ליבע שוועסטער, טאַנץ מיט מיר,
בײדע הענטלעך גיב איך דיר.
א מאָל אַהין, א מאָל אַהער,
עס איז דאָך גאָרניט שווער.

נאָך א מאָל די שיינע שפּיל,
טאַנץ זשע, טאַנץ זשע מיט געפיל.
א מאָל אַהין, א מאָל אַהער,
עס איז דאָך גאָרניט שווער.

יאָסעלע כאַפּט פיש

זייט שטילער, זייט שטיל!
איך האָב דאָ א מיל.
און ביים מיל איז א טייך,
זיץ איך דאָ גלייך.

ביים מיל, אויפן דיל,
דאָ אונטערן טיש —
זייט שטילער, זייט שטיל!
איך כאַפּ דאָך דאָ פיש!

(אײדא מאַזע)

אין בלינדעניש

די אויגן פאַרמאַך,
די אויגן פאַרבינד!
אַט בּיסטו בלינד,
אַט ביסטו בלינד!

זאָג זשע מיר, דו בלינדער,
וואו זיינען אלע קינדער?
מאַך די אויגן אָפן,
זע ווער איז אַנטלאָפן.

(ב.סמאָליאַר)

אויף דער הוידע

הוידע, הוידע, הוידלקע,
פייגלעך אין דער הייך.
וויסע קליינע טײבעלעך
פליען אין דער הייך.

העכער, העכער, הוידלקע
באַלד איז שוין דער הימל.
נאָך א ביסל, נאָך א ביסל,
ריר איך אָן דעם הימל.

(מ.שיפריס)

אין פּילקע

מיט דער לינקער האַנט געקלאַפּט,
מיט דער רעכטער האַנט געכאַפּט,
מיט דער רעכטער וואַרפט זיך פלינקער,
מוז מען כאַפּן מיט דער לינקער.
איצטער גייט אלץ פלינקער, פלינקער
מיט דער רעכטער, מיט דער לינקער.

(מ.יאַספּאַלסקי)

איך און דו

איך און דו, דו און איך —
כאַ-כאַ-כאַ-כאַ!
לאַכן הויך און שפּילן זיך —
לאַ-לאַ-לאַ-לאַ.

האָב איך אַ קליינטע מיכלקע

האָב איך אַ קליינעט מיכלקע, מיכלקע
וואוינט ער אין דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר וואָס ער וויל,
מאַכט ער מיר וואָס ער קען.

מאַכט ער מיר אַ פייפעלע, אַ פייפעלע.
דאָס פייפעלע מאַכט אַזוי:
פיו-פיו-פיו-פיו-פיו-פיו
מאַכט דאָס פייפעלע.

האָב איך.........

מאַכט ער מיר אַ טרובעלע, אַ טרובעלע,
דאָס טרובעלע מאַכט אַזוי:
טרו-טרו-טרו-טרו-טרו-טרו
מאַכט דאָס טרובעלע,
פיו-פיו-פיו...
....
האָב איך ....

מאַכט ער מיר אַ פייקעלע, אַ פייקעלע,
דאָס פייקעלע מאַכט אַזוי:
באַם-באַם-באַם-באַם-באַם-באַם
מאַכט דאָס פייקעלע
פיו-פיו .....
טרו-טרו.....

האָב איך.......

מאַכט ער מיר אַ פידעלע, אַ פידעלע,
דאָס פידעלע מאַכט אַזוי:
פידל-נידל-פידל-נידל
מאַכט דאָס פידעלע,
פיו-פיו.....
טרו-טרו.....
באַם-באַם......
(פאָלקסליד)

אך וואונדער, ליבער וואונדער!

האָב איך אַ פּאָר אָקסן, אָקסן,
וואָס זיי בראָקן לאָקשן.
אך וואונדער
ליבער וואונדער,
ווי די אָקסן
בראָקן לאָקשן -
דאָס איז מיר אַ וואונדער (2)

האָב איך אַ פּאָר בערן, בערן
וואָס זיי שטיבער קערן.
אך.......
ווי די בערן
שטיבער קערן
דאָס איז..........

האָב איך אַ פּאָר ציגן, ציגן,
וואָס זיי קינדער וויגן.
אך.....
ווי די ציגן
קינדער וויגן
דאָס.....
האָב איך אַ פּאָר פייגל, פייגל
וואָס זיי באַקן בייגל.
אך ..
ווי די פייגל
באַקן בייגל
דאָס....
(פאָלקסליד)

לאָמיר זיך איבערבעטן

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן
זיי זשע ניט קיין נאַר!
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
איך האָב דיך ליב דערפאַר!
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
וואָס שטייסטו ביי דער טיר?
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קום אַהער צו מיר!
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
נעם אַ פּאָר מאַראַנצן.
לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
לאָמיר גיין טאַנצן!

די באַן

די באַן איז אַ לאַנגע, אַ לאַנגע אַזאַ,
ס'קלאַפּן די רעדער: טאַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ.
און פעלדער און וועלדער, זיי לויפן
פאַרביי
ס'זינגען די רעלסן טורי-טוראַ-רי".
ס'ציט זיך אַלץ ווייטער וואַגאָן נאָך
וואַגאָן,
און אַט איז אַ טאַנציקע גלינג-גלאַנג
גלינגגלאַנג-גלאַנגגלאַנג
באַן ציט זיך ווייטער אַזוי ווי אַ שלאַנג,
מיט קלינגען און קלאַנגען קלינג-
קלאַנג, קלינג-קלאַנג-קלאַנג.
(נ. גאַרעליק)

קומט דער לידער זומער

קומט דער ליבער זומער,
שפּילן מיר אין זאַמד;
וואו ס'איז אונדזער וואוינונג,
דאָרט איז אונדזער לאַנד.
שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין;
גרינע קינדער נעמען מיר,
שלעכטע לאָזן מיר גיין.(פאָלקסליד)

ציפּ-ציפּ, עמערל

ציפּ-צאַפּ, עמערל
קום צו מיר אין קעמערל,
איך וועל דיר עפּעס ווייזן:
שיסעלעך פון אייזן,
ביר אין די קריגעלעך
קינדער אין די
וויגעלעך (2
שרייען ווי די
ציגעלעך-מע, מע,
מע! (פאָלקסליד)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ליג איך מײן קעפּעלע

ליג איך מײן קעפּעלע
אויף מײן מאַמעס בעטעלע,
גײט די מאַמע פאַרבײ,
נאָך אַנאַנד זי טוט און קוועלט:
„שלאָף, מײן טאָכטער, האַרצינקע,
אײגעלעך האָסטו שוואַרצינקע,
שלאָף געזונטערהײט! שלאָף געזונטער-
הײט!"

ליג איך מײן קעפּעלע
אויף מײן טאַטנס בעטעלע,
גײט דער טאַטע פאַרבײ,
נאָך אַנאַנד ער טוט און קוועלט:
„שלאָף, מײן טאָכטער קלײנינקע,
אײגעלעך האָסטו שײנינקע,
שלאָף געזונטערהײט, שלאָף געזונטער-
הײט!
(פאָלקסליד)

קלעזמער

מיט דעם חמישיק אויפן באַס
שפּילט א בער אין מיטן גאַס:
בו-בו-בו! בו-בו-בו!

פּויקט א העלפאַנט. טרעפט מיט וואָס?
אין א פּײקל מיט דער נאָז!
בים-בים-באַם! בים-בים-באַם!

(א. שטײנבאַרג)

א מאָל איז געווען

א מאָל איז געווען, א מאָל איז געווען
א קלײן ײדעלע, א קלײן ײדעלע.
האָט ער געהאַט, האָט ער געהאַט
א קלײן פידעלע, א קלײן פידעלע.
שרײ-דײ-דײ, שרײ-דײ-רײ
מאַכט דאָס פידעלע (3 מאָל)
....
א קלײן דודעלע, א קלײן דודעלע,
דו-דו-דו, דו-דו-דו,
מאַכט דאָס דודעלע
שרײ............(2 מאָל)
....
א קלײן פײפעלע, א קלײן פײפעלע.
פײ-פײ-פײ, פײ-פײ-פײ
מאַכט דאָס פײפעלע
דו-דו-דו......
שרײ-שרײ-רײ.......
....
א קלײן פּײקעלע, א קלײן פּײקעלע,
פּאַם-פּאַם-פּאַם, פּאַם-פּאַם-פּאַם
מאַכט דאָס פּײקעלע
פײ-פײ-פײ.....
דו-דו-דו.....
שרײ-שרײ-רײ.......

האָב איך געהאַט

האָב איך געהאַט,
האָב איך געהאַט,
א פעטער אידעלע;
האָט ער געהאַט,
האָט ער געהאַט,
אוי, א פידעלע!
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ-לאַ (2 מאָל)
מאַכט דאָס פידעלע.

האָב איך געהאַט,
האָב איך געהאַט,
א פעטער פײוועלע;
האָט ער געהאַט,
האָט ער געהאַט,
אוי, א פײפעלע.
פליו-פליו-פליו-פליו-פליו (2 מאָל)
מאַכט דאָס פײפעלע.

האָב איך געהאַט,
האָב איך געהאַט
א פעטער ראובעלע,
האָט ער געהאַט,
האָט ער געהאַט,
אוי, א טרובעלע.
טרו-טרו-טרו-טרו-טרו (2 מאָל)
מאַכט דאָס טרובעלע.

האָב איך געהאַט,
האָב איך געהאַט
א פעטער חײקעלע;
האָט ער געהאַט,
האָט ער געהאַט,
אוי, א פּײקעלע
פּאַם-פּאַם-פּאַם-פּאַם-פּאַם (2 מאָל)
מאַכט דאָס פּײקעלע.

(משה שאַליט)

די נײע פידל

האָט דער טאַטע פון יאַרידל
מיר געבראַכט א נײע פידל
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי
שפּיל איך: טידל-די-די-די.

דעם רעכטן פוס פאָרויס א ביסל
קלאַפּ דעם טאַקט צו מיטן פיסל,
דאָ.........
....

(ש. צעמלער)

אונטער יאנקעלעס וויגעלע

אונטער יאנקעלעס וויגעלע
שטייט א קלאָר ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האנדלען –
ראָזשינקעס מיט מאנדלען.
ראָזשינקעס מיט מאנדלען זיינען זייער
זיס,
יאנקעלע וועט זיין געזונט און פריש.

(פאָלקסליד)

וואריאנט:

אונטערן קינדס וויגעלע
שטייט א גאָלדן ציגעלע,
ס'ציגעלע איז געפאָרן האנדלען
ראָזשינקעס מיט מאנדלען,
ראָזשינקעס מיט פייגן –
ס'קינד וועט שלאָפן און שווייגן.

אויפן פריפעטשיק

אויפן פריפעטשיק ברענט א פייערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף-בית.

זעט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טייערע,
וואָס איר לערנט דאָ,
זאָגט זשע נאָך א מאָל און טאקע נאָך א מאָל:
קמץ אלף – אָ!

(מ. ווארשאווסקי)

מע, לעמעלע, מע!

מע, לעמעלע, מע!
דאָס לעמעלע לויפט אין וואלד.
אויף דעם גרינעם גרעזעלע
טרעפט עס אָן א העזעלע,
שרייט דאָס לעמעלע מע,
שרייט דאָס לעמעלע מע.

מע, לעמעלע, מע!
דאָס לעמעלע לויפט אין וואלד.
עסט עס אויף אַן עפּעלע,
טוט אים וויי דאָס קעפּעלע,
שרייט דאָס לעמעלע מע,
שרייט דאָס לעמעלע מע.

מע, לעמעלע, מע!
דאָס לעמעלע לויפט אין וואלד.
עסט עס אויף א ניסעלע,
טוט אים וויי א פיסעלע,
שרייט דאָס לעמעלע מע,
שרייט דאָס לעמעלע מע.

שרהלע איז אין וואלד אוועק...

שרהלע איז אין וואלד אוועק, וועק, וועק,
קלייבן בלומען א בוקעט, קעט, קעט.
אין וואלד א פייגעלע צו איר, איר, איר
מאכט דאָס פייגעלע טשיר-טשיר-טשיר-טשיר.

זאָג זשע פייגעלע דו מיין, מיין, מיין,
וויפל וועט מיין לעבן זיין, זיין, זיין?
זעכציק, אכציק, הונדערט יאָר, יאָר,
יאָר
א דאנק דיר, פייגעלע, ביז גאָר, גאָר,
גאָר.

שלאָף, מיין טאָכטער

שלאָף, מיין טאָכטער, שיינע, פיינע,
אין דיין וויגעלע.
כ'וועל זיך זעצן לעבן דיר
און זינגען א לידעלע.
כ'וועל דיך וויגן, לידער זינגען,
ליולינקע, מיין קינד!

(פאָלקסליד)

אין א קליינעם שטיבעלע

אין א קליינעם שטיבעלע,
וואוינט אן אלטע יידענע
מיט אירע זיבן קינדער –
אלע א ביז וואונדער:
מיט אזוינע נעזער,
מיט אזוינע אויגן,
מיט אזוינע אויערן,
מיט אזוינע קעפּ,
מיט אזוינע האָר,
מיט אזוינע בייכער,
מיט אזוינע רוקנס,
מיט אזוינע זייטן,
מיט אזוינע פיס,
מיט אזוינע הענט.

גאָרנישט ניט געגעסן,
גאָרנישט ניט געטרונקען,
נאָר זיי טאנצן, שפרינגען,
לידער נאָר זיי זינגען.

(פאָלקסליד)

אַרבעט

מיטן זעגעלע זעג־זעג־זעג,
מיטן האַמערל קלאַפּ־קלאַפּ־קלאַפּ,
מיטן הובעלע הוב־הוב־הוב,
בויען קינדערלעך זיך אַ שטוב.

פּאַטשן הענטלעך פּאַטש־פּאַטש־פּאַטש,
טופּען פּיסלעך טופּ־טופּ־טופּ,
פּאַטשן הענטלעך, טופּען פּיס,
אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס.

(מ. געלבאַרט)

הײ, הײ, הײ.

הײ, הײ, הײ,
גײט אַ װײַסער שנײ.
שנײ, שנײ, שנײ,
גײ, גײ, גײ!

מאַך די גאַסן רײן,
מאַך די גאַסן שײן,
אײ, אײ, אײ,
מאַך די גאַסן נײ!

(קינדער־שאַפונג)

אַ ליד אַזאַ

האַ, האַ, האַ,
אַ ליד אַזאַ!
הע, הע, הע,
זע נאַר, זע!
הי, הי, הי,
גײ נים פּלי!
הײ, הײ, הײ,
אָן געשרײ.

הוי, הוי, הוי,
אָט אַזוי!
הײ, הײ, הײ,
פון דאָס נײ.
הו, הו, הו,
פול מיט רו.
האָ, האָ, האָ,
מער ניטאָ!

(דוד ראָדין)

איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט

איך בין אַ גוטער מוזיקאַנט,
איך קום פון פרײלעך לאַנד,
שפּיל איך אויף מײַן פידל,
אויף מײַן שײנער פידל.

דו ביסט אַ גוטער מוזיקאַנט,
דו קומסט פון פרײלעך לאַנד,
שפּילסטו אויף דײַן פידל,
אויף דײַן שײנער פידל.

ער איז אַ גוטער מוזיקאַנט,
ער קומט פון פרײלעך לאַנד,
שפּילט ער אויף זײַן פידל,
אויף זײַן שײנער פידל.

אַ ביסעלע שמיל

זאָל זײַן אַ ביסעלע שמיל........

(פאָלקסליד)

און אַז דער רבי טאַנצט

און אַז דער רבי טאַנצט,
טאַנצן דאָך אַלע תּלמידים
............לאַכט,
............שרײַבט,
.... און אַזוי װײַטער.

(פאָלקסליד)

רבי, ס'איז נישטאָ קײן בײגל

רבי, ס'איז נישטאָ קײן בײגל,
רבי, ס'איז נישטאָ קײן קעז!
נאָט אײך אָט דעם זעקסער,
זײט נישט אויף מיר בײז!

(פאָלקסליד)

אַ געבורטסטאָג־לידל

לאָמיר אַלע זינגען,
װײל חנה איז אַכט יאָר אַלט.
הײַנט איז איר געבורטסטאָג,
הײַנט װערט זי אַכט יאָר אַלט.

צו דײַן געבורטסטאָג

צו דײַן געבורטסטאָג,
צו דײַן יום־טוב הײַנט,
זײַנען מיר געקומען,
דײַנע גוטע פרײַנד!
הוראַ־הוראַ...

בולבע

זונטיק ־ בולבע, מאָנטיק ־ בולבע,
דינסטיק און מיטװאָך ־ בולבע,
דאָנערשטיק און פרײַטיק ־ בולבע,
שבת אין אַ נאָװינע ־ אַ בולבע־קוגעלע,
זונטיק ־ װײַטער בולבע.

ברױט מיט בולבע, פיש מיט בולבע,
װאַרעמעס און װעטשערע ־ בולבע,
װידער און װידער ־ בולבע,
שבת אין אַ נאָװינע ־ אַ בולבע־קוגעלע,
זונטיק ־ װײַטער בולבע.

(פאָלקסליד)

צווייטע

גרופע

אוים קאנאריק

1. אוים קאנאריק (7 מאל) - אוים!
2. לאמטידירײדא (7 מאל) אוים!
3. מ...מ........ אוים!
4. (פײפן) .... אוים!
5. (אין זיך זינגען) אוים!

קומט ארויס

איין מאל זומער בײ דער נאכט
האט א פײגעלע געלאכט,
האט א פײגעלע געלאכט,
כא־כא־כא!

קינדער, קינדער, קלײן און גרויס,
קינדער, קינדער, קומט ארויס,
קומט ארויס, עס איז שוין שפעט,
כא־כא־כא!

א קלײנע מײדעלע קלאפט אין טיר

א קלײנע מײדעלע קלאפט אין טיר
טוק! טוק! טוק!
ליבע מאמע, עפן מיר!
טוק־טוק־טוק!
איך בין שוין אהײם געקומען,
טרא־לא־לא!
דעם גאנצן טאג געווען פארנומען,
טרא־לא־לא!

ציגעלע, מיגעלע, קאמעניו

ציגעלע, מיגעלע, קאמעניו,
רוימע סאמעראנצן,
אז דאס קעפעלע טרינקט זיך אן,
גײען די פיסעלעך טאנצן.

(פאלקסליד)

שמערל מיטן פידל

שמערל מיטן פידל,
בערל מיטן באס,
שפילט זשע מיר א לידל
אויפן מיטן גאס.

(פאלקסליד)

דרײ זיך דו רעדעלע

דרײ זיך, דו רעדעלע,
דרײ זיך, דו מילכעלע,
ארבעטן פלײסיק
איז גארנישט קײן שפילכעלע,
טרא־לא־לא־לא־לא...

(א. גאלדפאדן)

מאכט דאס פאסטעכל

מאכט דאס פאסטעכל אין דער פרי
אויף זײן פײפל טרו־רו־רו.
און אין פעלד אלע קיעלעך
מוקען נאך מו־מו־מו.

מאכט דאס פאסטעכל אין דער פרי
אויף זײן פײפל טרע־רע־רע.
און אין פעלד אלע שעפעלעך
מעקען נאך מע־מע־מע.

מאכט דאס פאסטעכל אין דער פרי
אויף זײן פײפל טרא־רא־רא.
און אין שול אלע קינדערלעך
לאכן מיט כא־כא־כא.

שלאף, שלאף, שלאף!

שלאף, שלאף, שלאף!
דער טאטע וועט קומען פון דארף.
וועט ער ברענגען א ניסעלע
וועט זײן געזונט דאס פיסעלע.
וועט ער ברענגען אן עפעלע
וועט זײן געזונט דאס קעפעלע...

(פאלקסליד)

גערטעלע מיט בײמעלע

גערטעלע מיט בײמעלע,
בײמעלע מיט צווײגעלע,
פליגעלע מיט פעדערל,
ליולינקע, מײן קינד!
נעסטעלע אן פײגעלע,
בײמעלע אן בלעטעלע,
בײמעלע אלײן -
ליולינקע, מײן קינד!

(פאלקסליד)

דאס ווײַסע הענדעלע

עס האָט פון מארק די מאמעלע
א הענדעלע געבראכט,
א הענדעלע געבראכט,
מיט פעדערלעך צווײ ווײַסינקע,
מיט פעדערלעך א פראכט.

דאָס הענדל דרײט דאָס קעפעלע,
אהין אהער א קוק,
אהין אהער א קוק.
אָט פּיקט ער מיטן שנעבעלע
די קערנדלעך מוק־מוק.

(ר.מאטיס)

שטײט אין פעלד א בײמעלע

שטײט אין פעלד א בײמעלע,
האָט עס גרינע צווײַגעלעך.
זיצט דערויף א פײגעלע,
מאכט עס צו די אײגעלעך.

אויף די גרינע צווײַגעלעך
וואקסט א גאלדן עפּעלע.
מאך צו, מײַן קינד, די אײגעלעך־
געזונט זאל זײַן דײַן קעפּעלע!

(י.ל.פּרץ)

שלאָף אין פרײדן

שלאָף אין פרײדן,
דו ווײסט קײַן לײדן,
שלאָף, מײַן טײַער קינד!
שלאָף, מײַן פײגעלע,
מאך צו דאָס אײגעלע,
שלאָף זשע, שלאָף אצינד!

(א.גאָלדפאַדן)

אונדזער גאָרטן

ס'איז אונדזער גאָרטן מיט בלומען
פאַרזײט.
זעט ווי עס גרינט, ווי עס בליט
יעדער בײם.
זונעלע, זונעלע, ליבטיקע מײַן!
טרינק אָן דעם גאָרטן מיט גאָלדענער
שײַן!
טרינק אָן דעם גאָרטן מיט גאָלדענער
שײַן!

(ב.סמאליאר)

געסט

קוץ, קאַץ, קעצעלע,
וואָס מיר אויס א טעצעלע,
ס'קומען געסט צו מיר.
ס'קומט די מומע מירעלע,
מיט דער טאָכטער צירעלע־
עפן איך די טיר.
וואַשט די קאַץ אָן אויערל,
עפנט זיך דאָס טויערל,
ס'קומען געסט צו מיר.
ס'קומען קינדער ברעקעלעך,
רײַסן זײ אויף שטעקעלעך־
עפן איך די טיר.

(ק.מאלאדאוופסקי)

די מעשה

א הון מיט א האָן־
די מעשה הײבט זיך אָן.
א קו און א קאַלב־
די מעשה איז שוין האַלב.
א קאַץ מיט א מויז־
די מעשה איז שוין אויס!

(פאָלקסליד)

אז איך וואָלט זײַן דו

אז איך וואָלט זײַן דו
און דו וואָלטסט זײַן איך,
וואָלט איך געטראָגן דײַנע שיך.

מיר וואָלט זײַן אכט יאָר
און דיר וואָלט זײַן פיר־
וואָלטסטו געשפּילט זיך מיט מיר?

(אײדא מאַזע)

וואָלט איך געווען

וואָלט איך געווען א פידלער־
האָב איך נישט קײַן פידל,
וואָלט איך געווען א זינגער־
קען איך נישט קײַן לידל.
וואָלט איך געווען א דאָקטער־
האָב איך נישט קײַן ברילן,
וואָלט איך געווען א הינטל־
לאָזט מען מיך נישט בילן.
וואָס זשע טוט מען? זאָגט מיר וואָס?

(א.שטײנבאַרג)

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

([illegible])

לייזער דער בייזער

לייזער דער בייזער
איז געגאנגען אין גאס,
איז ארונטער א רעגן,
איז ער געווארן נאס.

גייט לייזער דער בייזער
צוריק שוין צום שטוב
פאלט לייזער דער בייזער
אריין אין א גרוב.

(ב.סמאליאר)

משה דער גוטער

קאץ, קאץ, קאטער,
משה איז א גוטער.
ער פאלגט אלצדינג זיין מאמע,
וואס זי הייסט אים - טוט ער.

ער לויפט פאר איר אין קרעמל,
נאך ברויט, נאך מעל, נאך פוטער.
און וואס וועט משה ניט טאן
פאר זיין גוטער מוטער?

(ב.סמאליאר)

אלע פיר

אלע פיר, אלע פיר,
ווארטן מיר ביים טיר:
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

קומט צו פארן פאפע,
ברענגט א גרויסן פאק
קיכעלעך און צוקערלעך,
נים א פולן זאק.

נאטן מיר, טאנצן מיר,
טאנצן אלע פיר.
הערעלע און בערעלע,
בובעלע מיט מיר.

(רבקה גאלין)

האפ, האפ, האפ!

האפ, האפ, האפ!
פערדל, לויף גאלאפ!
איבער בערג און איבער שטיינער,
ס'זאל דעריאגן דיך קיין איינער!
האפ, האפ, האפ,
שטעל זיך נאר ניט אפ!

דאס טייבעלע

טייבל, טייבעלע מיין ווייסע,
פלי אראפ, דערציי'ל א מעשה,
איך וועל קערנדלעך דיר שענקען
און דיין מעשה לאנג געדענקען.

(י.קאמינסקי)

דאס קעצל

קיצי-קעצל, קיצי-קאץ -
עסט פון טישל, נאשט פון טאץ,
לעקט פון טעלער, לעקט פון טאפ
ווישט דאס מויל זיך נאך דעם אפ.

(י.קאמינסקי)

הענדעלע

הענדעלע, הענדעלע,
קעמעלע רויט!
איך האב פאר דיר קערנדלעך,
ברעקלעך פון ברויט.

גיב מיר א פעדערל,
גיב זשע מיר צוויי,
וועק מיך צום אויפשטיין,
גיב מיר א קריי.

(איידא מאזע)

הינדעלע

הינדעלע, הינדעלע,
קווא-קווא-קווא!
וואו איז דיין נעסטעלע?
אט א דא.

-וואס זיצטו אין נעסטעלע
און שרייסט אזוי?
-דאס זאג איך אן די ניים
אז כ'האב פאר דיר אן איי.

(איידא מאזע)

דאס מייזעלע

-מייזעלע, מייזעלע,
ווייז מיר דיין הייזעלע!
מייזעלע, מויז,
ווייז מיר דיין הויז!
-יינגעלע, קלינגעלע,
כ'זאג דיר ניט אויס,
כ'האב מורא פאר קעצעלע,
זאגסטו איר אויס.
(קלמן ליס)

די פאמיליע

דער טאטע - איינס, די מאמע - איינס,
איינס און איינס איז צוויי.
און אז איך בין נאך דערביי -
איינס און איינס איז דריי.
די מומע גייט, איך עפן איר -
דריי און איינס - וועט זיין שוין פיר.

(י.ל.פרץ)

לויף און שפיל..

לויף און שפיל,
שפיל און לויף,
זינג און שפרינג
אויפן הויף.
אויפן הויף
קינדער פיל -
פריילעך זיין
וועט די שפיל.

(י.קאמינסקי)

עטל די קליינע

עטל די קליינע
האט געשפילט זיך אין קיך.
איז געקומען דאס קעצל
און פארשלעפט אירע שיך.

זיצט עטל די קליינע
אין שטוב איצט אליין
און ווארט ביז די מאמע
וועט קומען צו גיין.

(ב.סמאליאר)

בערל לעקער

בערל לעקער קומט צום בעקער
פרייטיק האלב נאך זעקס.
זאגט בערל לעקער צו דעם בעקער:
-„גיבן מיר זיס געבעקס".

זאגט דער בעקער צו בערל לעקער:
-„ווייז מיר פריער געלט!"
זאגט בערל לעקער צו דעם בעקער:
-„אט דאס איז וואס מיר פעלט!"

(ב.סמאליאר)

עפעלע

עפעלע, האפ,
עפעלע, האפ.
עפעלע, עפעלע,
פאל אראפ.

עפעלע זיס,
עפעלע זיס,
פאל אראפ
אויף מיינע פיס.

(י.קאצענעלסאן)

עפל

עפל, עפל, רויט און פריש,
עפל, עפל אויפן טיש!
עפל, עפל, שיין און רויט,
עסן, עסן מיר מיט ברויט.
עפל, עפל פול מיט זאפט
עסן מיר און קריגן קראפט.

(י.קאמינסקי)

עטעלע

ליב האט אונדזער עטעלע
צו ליגן לאנג אין בעטעלע,
פיינט האט זי נאר אויפצושטיין
און פײ נאכט צו שלאפן גיין.

ליב האט עטעלע צו נאשן,
פיינט דאס פנימל צו וואשן,
קנאקן ניסלעך גארניט פויל.
פיינט נאר אויסצווואשן ס'מויל.

(י.ל.פרץ)

לילי

די מאמע וואשט וועש,
לילי העלפט ארום,
לילי אויף א שטול
איז ווי די מאמע גרויס.
וועש, וועש, וועש
וואשט די מאמע ריין,
לילי לאזט ניט מאמען
ארבעטן אליין.

(ב.פרידמאן)

ברײנדל

ברײנדל האט זיך געלערנט קאכן
גאנצע דרייצן וואכן,
האט זי אין די דרייצן וואכן
אויסגעלערנט מילך צו קאכן.
שטעלט זי צו א טעפל
און איז איינגעשלאפן
איז די מילך פון טעפל
אין גאנצן אויסגעלאפן.

דינה

אלע קינדער זיינען ראָז,
אלע קינדער זיינען ראָז,
נאָר איין דינה,
נאָר איין דינה,
איז א גרינע,
גרין ווי גראָז.

(ב.גוטיאנסקי)

ערשטע

גרופּע

שוסטער! שוסטער!

"שוסטער! שוסטער!
"איך, איך, איך!
"נא דיר מײַנע אלטע שיך!
ווען איך וועל זאָגן: אײנס, צװײ, דרײ –
זאָלסטו מיר זײ מאכן נײַ!

(ב.סמאליאר)

זיג-זאג, זעגן

זיג-זאג זעגן,
מאָרגן וועט זײַן רעגן,
איבערמאָרגן – שנײ,
אײנס און אײנס איז צװײ.

(ב.סמאליאר)

א פײגעלע

א פײגעלע מיט א געלן שנעבעלע
זינגט אין פענצטער בײ מײַן בעט,
ווינקט איר אײגעלע צו מיר:
"שעם זיך שלאָפן אזוי שפעט!

(אײדא מאזע)

אונדזערע טעג

זיבן, זיבן זײַנען מיר,
זיבן גוטע ברידער.
זיבן, זיבן גײען מיר
און מיר קומען ווידער.

(נחום יוד)

א וואָך מיט ארבעט

איך בין געזעסן זונטיק
און געטראכט מאָנטיק
צו פאָרן דינסטיק.
האָב איך זיך באַרעכנט מיטוואָך:
ווי קען מען פאָרן דאָנערשטיק
אז פרײַטיק איז שוין באלד שבת?

אײנס – אט שטײט ער...

אײנס – אט שטײט ער,
צװײ – אט גײט ער,
דרײ – אט נעמט ער לויפן שנעל.
שנעל געלאָפן,
נים געטראָפן,
האָפ – געפאלן אויפן שװעל.

(נחום יוד)

איך האָב ליב

איך האָב ליב צוקער,
איך האָב ליב האָניק,
איך האָב ליב קעז און פוטער,
איך האָב ליב עפל,
איך האָב ליב בארן,
נאָר מער פון אלץ –
מײַן מוטער.

(ב.סמאליאר)

ארבעט

ארבעט, קינדער,
ארבעט גוט!
ווער ס'ארבעט –
דער איז גוט.

שטולן, טישן,
הײַזער, ווענט,
זאָלן זײַן
געזונט די הענט!

(ב.פרידמאן)

א מארש

אײנס און צװײ
און דרײ און פיר,
וואָס מיר זײַנען –
זײַנען מיר.

באָטש מיר זײַנען
יונג און קלײן –
ווי די עלדן
דאַרף מען גײן.

(י.קאצענעלסאָן)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

טורהדיקע. ערשט שפּעטער צו, צום סוף פון ערשטן יאָר (אָדער ווען מע האָט קינדער וואָס קענען לכתחילה א ביסל יידיש), קען מען הייבן צו טאָן מיט צוועלף־טורהדיקע לידעלעך. סיידן ווען די ווערטער חזרן זיך איבער, זיינען מעגלעך צוועלף־טורהדיקע לידלעך אויך פריער. מיר האָבן א באַזונדערן אָפּטייל פאר לידלעך וואָס ניט דער קלאַס לערנט זיי, נאָר יחידים — בשייכות מיט אן אונטערנעמונג אין שול. פון דעם מין האָבן מיר ווייניק געגעבן. א פעאיקער קלאַס קען זיי לערנען, אָבער אין דורכשניט זיינען זיי שוין איצט צו שווער פאַרן קלאַס־געברויך אין „א".

הכלל די אויסקלייב־פּרינציפּן זיינען געווען: א. עס מוז פּאַסן פאר <u>אונדזערע</u> קינדער; ב. עס דאַרף זיין נוציק ביים לערנען ריידן יידיש; ג. עס דאַרף האָבן עפּעס אן אינהאַלט; ד. עס טאָר ניט זיין לאַנג; ה. לידער וואָס מע קען זיי זינגען באַקומען די בכורה.

5. די לידעלעך זיינען איינגעטיילט אין ניין גרופּעס:

צו דער <u>ערשטער</u> גרופּע געהערן די גאָר גרינגע און קורצע לידעלעך, וואָס מע דאַרף זיי אויסנוצן אין די ערשטע פּאָר חדשים, וואָס קענען זיין נוציק ביים לערנען לייענען און וואָס מע קען זיי ניט <u>בלויז זינגען נאָר אפילו זאָגן</u>.

צו דער <u>צווייטער</u> גרופּע געהערן לידעלעך וואָס <u>האָבן א זינגען נאָר ווען מע זינגט זיי</u>. אין דער גרופּע זיינען פאַראַן א היפּשע פּאָרציע פאָלקסלידער. די לידער פון דער גרופּע זיינען צום טייל אזעלכע וואָס מע קען זיי אויסנוצן גלייך אין אָנהייב יאָר, צום טייל זיינען זיי אזעלכע וואָס מע דאַרף זיי אָפּלייגן ביז צום מיטן פון דעם ערשטן לערניאָר.

צו דער <u>דריטער</u> גרופּע געהערן לידעלעך וואָס זיינען פאַרבונדן מיט א <u>שפּיל</u> אָדער מיט א <u>שפּאַס</u> (כאָטש אזעלכע זיינען שוין אויך פריער געווען).

צו דער <u>פערטער</u> גרופּע געהערן לידעלעך וועגן <u>בעלי־מלאכות</u>; צו דער <u>פינפטער</u> גרופּע געהערן לידעלעך וועגן דער <u>מאַמען</u>; צו דער <u>זעקסטער</u> געהערן <u>יום־טוב־לידעלעך</u>; צו דער <u>זיבעטער</u> — <u>נאַטור־לידעלעך</u>.

צו דער <u>אַכטער</u> גרופּע געהערן קאָמפּליצירטערע לידלעך ווי צו דער גרופּע <u>צוויי</u>. ס'רוב זיינען עס מאַטעריאַלן פאַר די לעצטע פּאָר חדשים פון דעם ערשטן לערניאָר.

לסוף, צו דער <u>ניינטער</u> גרופּע געהערן שירים וואָס זיינען פּאַסיק פאַר דעקלאַמאַציעס אויף שול־אונטערנעמונגען.

די איינטיילונג, ווי מען קען זען, ווערט גלייכצייטיק געבויט אויף עטלעכע יסודות, און דעריבער איז זי לאָגיש ניט קיין אויסגעהאַלטענע. אָבער עס דוכט זיך אז פאַר אונדזערע צוועקן פּאַסט זי זיך, ווייל עס וואָלט ניט געבראַכט קיין נוצן סתם איינטיילן נאָך די טעמעס פון די לידלעך. האָבן מיר נאָר טיילווייז זיך גערעכנט מיט דער טעמע פון ליד ביים איינטיילן אין די גרופּעס, אָבער דער עיקר האָבן מיר געהאַט אין זינען עס זאָל <u>מער־ווייניק</u> זיין א בהדרגהדיקייט פון גרינגערן צום שווערערן, כאָטש מע דאַרף ניט מיינען אז דאָס ליד וואָס קומט פריער ווערט במילא באַטראַכט ווי גרינגער פון א לידל וואָס קומט א ביסל שפּעטער. ביי די באַרינגונגען אונדזערע, ווען מע קען בשום אופן ניט האָבן קיין גלייכן אָנהייב־שטאַפּל, לאָזט זיך בכלל ניט גענוי איינשטעלן די בהדרגהדיקייט פון גרינגערן צום שווערערן. אָבער די באַמיאונגען בשייכות מיט דעם וועלן דעם לערער האָפנטלעך ברענגען נוצן.

6. מיר דערמאָנען אז נאָך די טעקסטן פון די לידלעך זיינען פאַראַן א ריי אָנווייזונגען וואו צו געפינען די ניגונים.

ביים צונויפשטעלן די זאַמלונג איז אויסגעקומען אויסצונוצן די חברשע מיטהילף מצד די לערערס: <u>ח. בעז</u>, <u>בערעזער</u>, <u>בראָמבערג</u>, <u>נאָוואַק</u>, <u>יורקאָוויטש</u>, <u>שרה פוקס</u> און <u>מש. ניידער</u>. זיי אַלעמען א האַרציקן דאַנק.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

װי פּשוט די סיטואַציע זאָל ניט זײַן — דאַרף דער עיקר דערצײלן און ניט באַשרײַבן. האָבן מיר דעריבער דאָ געגעבן ניט קײן סך נאַטור־לידער און א סך לידעלעך מיט עפּיזאָדן פון קינדער־לעבן.

װײַטער האָבן מיר אין גאַנצן עלימינירט די לידלעך װאָס ניט זיי באַשרײַבן און ניט זיי דערצײלן און זײַנען ניט מער װי א געפּלעכט פון גראַמען, למשל לידלעך פון אַזאַ מין: „װאָרעם איז ניט קאַלט, יונג איז ניט אַלט" און ענלעכע. מע קען אויסנוצן אַזאַ מאַטעריאַל פאַר געװיסע שפּראַך־געניטונגען, אָבער אַזעלכע „לידער" זײַנען ניט װערט געלערנט צו װערן אויף אויסװײניק. בכלל האָבן מיר זיך געמיט אויסצומײַדן די אַלע לידעלעך װאָס דער עיקר איז אַזוי צו זאָגן בלויז א װערבאַליסטישער.

די זאַמלונג האָט אין זינען ניט סתם ייִדישע קינדער, נאָר די קינדער אין אונדזערע שולן, די קינדער אין די ערשטע קלאַסן. א סך זייער שײנע קינדערלידער קענען ניט טויגן פאַר זיי איבער שפּראַכלעכע שװעריקייטן אָדער איבער דעם װאָס זיי באַציִען זיך אויף פאַרשטעלונגען װאָס זײַנען פרעמד אונדזערע קינדער. איז אויסגעקומען אויסצולאָזן שײנע לידעלעך װאָס זײַנען אָבער צו שטאַרק געבונדן מיטן אַמאָליקן ייִדישן לעבן־שטײגער. אָבער דאָך האָבן מיר, װי װײַט עס האָט זיך געלאָזט, אַרײַנגענומען פאָלקסלידעלעך און אַרײַנגעבראַכט א היפּש ביסל פון דער טראַדיציאָנעל ייִדישער קינדערשער װעלט, למשל: װאַריאַציעס אויפן מאָטיװ פון ציגעלע.

די זאַמלונג האָט זיך געמיט אויסצומײַדן שװערע װערטער. עס איז אויסגעקומען אין א סך פאַלן פּשוטער צו מאַכן דעם טעקסט, פון א גרעסערן ליד צו נעמען בלויז יענע שטעלן װאָס ברענגען ניט מיט זיך קײן שװעריקייטן. דעריבער בעטן מיר די חברים־לערערס דורכצולײענען אויך די לידער װאָס זײַנען זיי גוט באַקאַנט, אפשר װעלן זיי דאָרטן געפינען געװיסע פאַראײנפאַכונגען װאָס װעלן זיי צו נוץ קומען.

איבער שװערע, זעלטענע, װײניק נוציקע, װײל װײניק באַנוצלעכע װערטער איז אין זאַמלונג ניט אַרײַן א גרויסע צאָל לידער װאָס זײַנען יאָ פאַראַן אין די טעקסטביכער, װאָס די חברים־לערערס זײַנען מיט זיי באַקאַנט: גײַסטיקע דיעטע איז אַזוי אומבאַדינגט נייטיק װי פיזישע דיעטע. פונקט װי מע קען ניט געבן קײן צו פיל פעטס, קען מען אויך ניט געבן קײן צו פיל פעטע װערטער. אמת, א קינד קען זיך אויסלערנען אַלץ, זאָגן אַלץ, אפילו גאָר זעלטענע װערטער, עס קען עס אפילו געדענקען אין דעם טעקסט פון א ליד. אָבער צו װאָס איז נייטיק דער איבעריקער באַלאַסט פון װײניק באַנוצלעכע װערטער?

דעריבער האָבן אָפט מאָל עטלעכע שװערע װערטער אין א קורצן לידעלע מכריע געװען, אַז דאָס לידעלע זאָל ניט אַרײַנגענומען װערן אין אָט דער זאַמלונג. דער אַרגומענט — אַז װי באַלד די קינדער װײסן סײַ װי גאָרניט, װי באַלד אַלץ איז פאַר זיי ניי און פרעמד, איז ניט שײך צו רײדן װעגן גרינגע און שװערע װערטער — איז ניט קײן ריכטיקער. אמת, עס קען זײַן אויך אַזאַ פאַל אַז פאַר א קינד זאָל „טיש" זײַן אַזוי פרעמד װי „טאַרבע". אָבער אָן דעם װאָרט „טיש" קען זיך דער שילער אין „א" ניט באַגײן און אָן דעם װאָרט „טאַרבע", אָדער „קלומעק", אָדער ענלעכע װערטער קען דער תּלמיד זייער װויל אויסקומען. און דאָס לערנען דערװײל איבעריקע װערטער, דאָס פאַרגעדענקען דערװײל איבעריקע װערטער פאַרמינערט די שאַנסן אויסצולערנען די נייטיקסטע װערטער, אײַנצוחזרן די באַנוצלעכסטע, די נוציקסטע װערטער.

און די אַלע לידעלעך האָבן דאָך צװײ צילן: זיי זײַנען ניט בלויז לידעלעך סתם אַזוי, זיי זײַנען אויך א מיטל זיך צו לערנען רײדן, א מיטל צו פאַרשטײן ייִדיש און אַרויסצוברענגען ייִדישע װערטער.

די לידעלעך מוזן זײַן קורצע — פיר־שורהדיקע, זעקס־שורהדיקע, אַכט־

מען האט אויסגערעכנט אז עס קומט אן 3-4 מאל גרינגער דאס אויסלערנען אויף אויסווייניק מיט דער הילף פון א ניגון, איידער דאס אויסלערנען אויף אויסווייניק ניט זינגענדיק.

אוודאי דארף יעדער לערער פון א קלאס „א" זינגען מיט די קינדער. אפילו ווען ער איז גאר א קנאפער מוזיקער און א הייזעריקער זינגער, איז דאך כדאי דער לערער זאל זיך אליין גובר זיין און - זינגען מיט די קינדער. בעסער שלעכט זינגען איידער גארניט זינגען.

אויב אבער דער לערער קען בכלל קיין שום ניגון ניט ארויסברענגען אליין, דארף ער זיך ווי ניט איז געבן אן עצה, נעמען עמעצן צו הילף, הכלל זוכן ווי ניט איז ממלא צו זיין דעם בלויז אדן דערגרייכן אז מע זאל זינגען אויף די נארמאלע, געוויינלעכע שעהן מיטן קלאס „א", אומפאָ־הענגיק פון דעם צי עס איז פאראן א געזאנג־לערער. ווארעם דאס זינגען לידעלעך איז א נויטווענדיקער טייל אין לערנען יידיש.

די ערשטע לידעלעך וואס מע לערנט אויף אויסווייניק, דארפן אוודאי זיין לידעלעך, מע דארף זיי זינגען. ערשט ביסלעכווייז און שפעטער צו קען מען האבן ווערטער פון שירים אן ניגונים.

ביים אויסקלייבן דעם מאטעריאל האבן מיר זיך שטארק גערעכנט מיט דעם, צי עס איז פאראן א ניגון אייער ניט. דער ניגון קען מכפר זיין אויב די ווערטער זיינען אפילו ניט אזוי פרימא. אבער אפילו ווען עס איז פאראן א ניגון, טארן די ווערטער ניט צו זיין צו שווער, טארן זיי ניט זיין צו זעלטן און ניט נוציק פארן געוויינלעכן שפראכגעברויך. אבער דאס האט שוין א שייכות צו די פרינציפן פון אויסקלייב, וואס מיר גייען איבער צו דעם.

4. ראשית כל איז עס ניט קיין ליטערארישע אנטאלאגיע און האט ניט דעם ציל צו געבן דאס וואס עס איז דאס שענסטע און דאס קינסטלערישסטע. אונדזער זאמלונג איז ניט קיין פרואוו צו רעפרעזענטירן די לידער פאר קינדער פון שטאנדפונקט פון ליטעראטור. אונדזער זאמלונג האט ניט בדעה ארויסצוברענגען די בעסטע קינדערלידער אין אונדזער ליטעראטור אדער די בעסטע לידער פון געוויסע שרייבערס. אויב עס זיינען פאראן מער לידעלעך פון איינעם און ווייניקער אדער אפשר גארנישט פון א צווייטן, איז עס ניט קיין רעזולטאט פון מעסטן די גרויסקייט פון די שרייבערס אדער א מין אפשאצן זיי. הכלל, די זאמלונג איז בשום אופן ניט קיין אנטאלאגיע מיט עסטעטישע אדער וואסער ניט איז ליטערארישע איינשטעלונגען. מיר חזרן עס איבער אזוי פיל מאל, ווייל אט דער פונקט דארף זיין לחלוטין קלאר. עס איז בכלל א שעדלעכע זאך ווען מע רעכנט זיך מיטן אפגעבן כבוד דעם אדער יענעם שרייבער ביים צונויפשטעלן כרעסטאמאטיעס פאר שולן. עס וואלט געווען ממש א סמא אויב אזעלכע מאטיוון זאלן שפילן א ראלע אין אזא לידער־זאמלונג. דער נאמען פון שרייבער איז דא בכלל ניט וויכטיק. געוויינלעך זאגט מען אים ניט די קינדער. סיידן ווען דאס קינד דארף דע־קלאמירן פארן עולם - דארף מען אויך דערמאנען דעם נאמען פון שרייבער. אבער ווען מע לערנט אויף אויסווייניק די פיר־שורהדיקע אדער אכט־שורהדיקע קינדער־לידעלעך מיט דער חברה פון קלאס „א" איז איבעריק צו לערנען פאר־געדענקען דעם נאמען פון שרייבער.

(פארבייגייענדיק לאמיר אנווייזן אז מע באגייט אפט אן עוולה, ווען ביים זינגען א ליד דערמאנט מען דעם נאמען פון דיכטער און מע פארגעסט דעם נאמען פון קאמפאזיטאר. אבער פארן „א" דארף מען ביידן ניט).

בכן, מיר האבן דא ניט קיין ריין ליטערארישע מאס. דערפאר איז דא פאראן אן אנדער מאס: דאס וואס עס פאסט זיך פאר די קינדער. און מיר זיינען איבערגעצייגט אז א חכמהלע, א וויץ, אן איינפאל טוט געפעלן. מיר האלטן אז אפילו א קליין קינדערלידל דארף האבן אזוי צו זאגן א שטיקל סיפור־המעשה, דארף האבן אן איינהאלט, דארף איבערגעבן א געוויסע סיטואציע,

א לידער־זאמלונג פארן קלאס „א"

א ר ײ נ פ י ר

1. אין אלע אומשטאנדן און פון שטענדיק אן איז געװאלדיק װיכטיק צו לערנען אויף אויסװײניק, צו זינגען לידעלעך, צו לערנען דעם טעקסט פון קורצע לידעלעך, בשעת מען האט צו טאן מיט קינדער װאס לערנען זיך לײענען און שרײבן. אלע לערערס װײסן, סארא בעלנים די קינדער זײנען יעמאלט צו לערנען לידעלעך, װי ליב זײ האבן צו לערנען אויף אויסװײניק און סארא הנאה זײ האבן פון פארזינגען אדער פארדעקלאמירן װאס זײ קענען אויף אויסװײניק. איז עס אומעטום און אלע מאל װיכטיק צו לערנען מיט קינדער זינגען לידעלעך און זאגן אויף אויסװײניק שירים.

אין אונדזערע אומשטאנדן איז עס צענפאך נײטיק, װײל די קינדער קענען דאך ניט שפאלטן דאס מויל. אויב זײ פארשטײען װאס מע רעדט צו זײ, זײנען זײ דאך ניט בכוח אלײן װאס צו זאגן (אזוי איז עס ס'רוב), זײער צונג באװעגט זיך אזוי שװער װען זײ מיען זיך ארויסצוברענגען א ײדיש װארט. אין אזא סיטואציע זײנען לידעלעך דער נײטיקסטער און נוציקסטער מיטל אויף צוצוגעװײנען די קינדער אונדזערע ארויסצוברענגען פון זײער מויל ײדישע קלאנגען, ײדישע װערטער.

2. מיר היפערן הײנט איבער די פראבלעם װי אזוי צו לערנען לידעלעך (צו דעם װעלן מיר זיך נאך װען ניט איז אומקערן). הײנט װילן מיר געבן די חברים־לערערס אן אנטאלאגיע פון לידעלעך װאס קענען זײן גוט אין דעם ערשטן קלאס. און מיר טוען עס דערפאר, װײל װאסער ביכל דער לערער זאל ניט נוצן אין קלאס, גיט דאס ביכל צו װײניק מאטעריאל צו לערנען אויף אויסװײניק און צו זינגען מיטן קלאס. קומט אויס דעם לערער ארומצוזוכן מאטעריאלן אין די פארשײדענע פעריאדישע אויסגאבעס און בלעטלײ זאמלונגען װאס האבן דערשײנט במשך פון די לעצטע 25 יאר. איז עס אװדאי ניט קײן גרינגע ארבעט, און דערבײ קען מען אפט פשוט ניט קריגן עלטערע זאמלונגען. האט דאס איצט דער „פעדאגאגישער בולעטען" געטאן די ארבעט. מיר האבן דורכגעבלעטערט א סך יארגענג פון פעריאדישע אויסגאבעס, לידער־זאמלונגען פון א רײ ײדישע פאעטן, ביכער און ביכעלעך פאר קינדער, און מיר לײגן פאר פון דעם גאנצן שלל מאטעריאלן די אן ערך הונדערט און זיבעציק נומערן װאס זײנען דא פאראן.

געװיס װעט דער לערער דא געפינען ס'רוב זאכן װאס זײנען אים באקאנט. אבער אפילו די חברים װאס װעלן דא קענען געפינען װײניק נײס פאר זיך װעלן האבן פאר זיך א באקװעמע, א האנטיקע צונויפזאמלונג און דערמיט װעט זײער ארבעט א ביסל גרינגער װערן.

פארשטײט זיך אז ניט אלע לידעלעך קען מען אויסלערנען דעם קלאס. פון אונדזער אפקלײב דארף זיך דער לערער ערשט מאכן זײן אויסקלײב. אבער מען האט געמוזט געבן אזוי פיל, װײל אײן קלאס איז דאך ניט ענלעך צום צװײטן, די קענטענישן אין ײדיש זײנען דאך אזוי פארשײדן. חוץ דעם האט זיך יעדער קלאס זײנע נײגונגען און יעדער לערער האט זיך אװדאי זײן געשמאק, זײנע באליבטע ניגונים און זײנע באליבטע לידעלעך. אבער אין דעם גרויסן מאטעריאל װאס איז דא פאראן װעט דאך אװדאי יעדער לערער קענען געפינען דאס װאס געפעלט אים פערזענלעך.

3. דאס װאס עס לאזט זיך זינגען – דארף מען זינגען און ניט זאגן. אויב עס איז קײן גרײטער ניגון ניטא, איז אפילו רעכט צו אדאפטירן א ניגון, צוצופאסן א ניגון צו די װערטער פון דעם שיר. דער ניגון איז דאך ממש א כישוף־מאכער, ער העלפט פארגעדענקען די װערטער.

LIBRARY
DEC 03 2018
UNIVERSITY OF TORONTO

פאר די קליינע קינדער

ארויסגעגעבן פון בילדונגס-קאמיטעט
ביים ארבעטער-רינג